

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

יצחק קאַצענעלזאָהן.

# דָאס וַוייסֶע לֶעבֶּען.

עֶרצֶעהלוּנגֶען

און בּילדֶער.

אומפּאַרטייאיש
אידישע ארבעטער
מיטל שול
ניו יארק

פֿעֶרלאַג „השחר“, ווארשא.

ווארשא. תרס״ט.

דרוק „הצפירה“, פּאַנסקא 40.

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Katzenelson, Isaac, 1886-1944.
Anon

# אינהאלט:


| | זייטע |
|---|---|
| רעגינא | 5 – 25 |
| אליין | 26 – 28 |
| צווישען גוים | 29 – 40 |
| צוליעב דער סוכה | 43 – 49 |
| די זון פערגעהט אין פלאמען | 51 – 75 |
| א רעגען געהט | 77 – 81 |
| קינסטלער | 85 – 95 |
| העקזאמעטרען | 97 – 102 |
| יודיש | 103 – 112 |


Типографія „Гацефира" Панская 40.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אמאלגאמירטע
אידישע ארבעטער
מיטל שול
ניו יארק

1

# רעגינא.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# רעגינאַ.

(דערצעהלט פון אַ בעקאַנטען).

## I.

איך פלעג דאַמאָלס מיטאָגען אין איינע פון די לאָדזער קליינע רעסטאָראַציעס; סך־הכּל האָבען דאָרטען געגעסען פינף־און־צוואַנציג–דרייסיג פּערזאָן. דאָס רוב יונגע לייט פון שטעלעס; צווישען זיי האָט זיך אויך דורכגעוואָרפען אַ לעהרער, איינער אַ פאַבריקאַנט, ס'הייסט–אַ פאַבריקאַנט'ל, ניט קיין גרעסערער יחוס ווי אַ יונגער־מאַן פון אַ גוטען פּאָסטען; וואָרום אַ יונגער־מאַן אַ תּם מיט אַ שטיקעל בּײַכ'ל, מיט אַ פעטען קורץ־געשוירענעם קאָפּ, וואָס מאַטערט זיך און אַרבּײַט אויס אַ וויסט שטיקעל סחורה אַ וואָך און דאַרף זוכען דעם קונה מיט ליכט, און אַ יונגער־מאַן פון אַ פירמע, וואָס וואַרפט דורך אַ טאָג כּמה שטיקלעך סחורה און טרײַבּט דורך כּמה סוחרים אַ טאָג–זענען נאָך ניט גלײַך! אדרבּא, דער לעצטער זאָל זײַן אַ גוטער בּרודער און צודינען דאָס בּידנע פאַבריקאַנטעלע מיט אַ סוחר'ל אויף זײַן וויסט שטיקעל סחורה–איז עס אַ טובה אין לעבּען!... אין דעם קליינעם צאָהל געסט איז געווען עפּעס נאָך אַ לעהרער – אַ לעהרער לפי־שעה, וואָרום ער האָט געזוכט אַ שטעלע, און די געסט האָבען מיט איהם שטענדיג געהאַט צו טהון, אומגעשיקט איהם פון איין פירמא אין דער צווייטער. איינמאָל האָבען חברה געוואָלט אַ שטיף טהון און האָבען איהם אויפגעגעבען עפּעס אַנ'אַדרעס; אַרײַנקומענדיג

ניו יארק


Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031 / Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אהין איז איהם ענטקעגען געלאָפען א האַלב-נאַקעט מיידעל, געי
חאַפּט איהם אונטער'ן אָרעם מיט געזאַנג:

קום צו מיר, דו שענער בחור!
חאַפּ מיר איים, דו שענער זכר!
ס'האָט זיך איהם ניט געוואָלט זיין קיין לעהרער!

כמעט אַלע פלעגען מיר זיך צונויפקומען אויף מיטאָג אין
איין צייט, גאַנץ לאָרז מיטאָגט פון צוועלף ביז צוויי. ס'איז שוין
אזוי אין דער פאַבריקען-שטאָרט!

אונזער רעסטאָראַטאָרקע פלעגט דערפון האָבען צרות. האָב
מען אָנגעהויבען קומען פון צוועלף, איז נאָך געווען צו דער-
האַלטען; ביז איינס, אַז זי פלעגט אָבפּבר'ן עטליכע „עסער",
פלעגט זי זיך אַזוי פיעל ניט קווענקען: אַ פּאָר שטוהלען פלעגען
צו יעדער צייט שטעהן לעדיגע; גאָפּעל-מעסער, ווי וועניג זיי
זאָלען זיין - זענען גענוג; מיט'ן פלייש פאַרטיילט מען זי דאַן
אויך ניט... דאָס רוב אָבער פלעגען מיר זיך אַלע „אַריינשיטען",
ווי די בעל-הבית'טע פלעגט אָנרופען אונזער אַריינקומען, מיט
אַמאָל... די עטליכע שטוהלען פלעגען ווערען אויסגעחאַפּט, און
א סך געסט פלעגען בלייבען הינטערשטעליג, מיט פערטריקענטע
ליפּען ביי די זייטלעך פון די שטוהלען. א מעהר לעבעדיגער פלעגט
זיך פּרובירען אַרויסרייסען א שטוהל פון אונטער א נטען-ברודער,
אויפצוכלומר'שט, ניט לאָזען איינבייסען דעם ברויט און ניט אוועק-
געהן ביז ער קריעגט נישט געזידעלט. ס'איז אפילו געשטאַנען האַרט
צום וואַנד א קאַנאַפּקע, נאָר פאַר'ן עסען פלעגט זיך קיינער אויף
איהר ניט זעצען. קלייבט זיך צונויף אַביסעל מעהר געסט - איז וויפיעל
געשיר ס'זאָלען ניט זיין - פעהלען! און אַז די בעל-הבית'טע ווייס
אין קיך, אַז געסט „שטעהען" דאָרטען, האָבען קיין שטוהל ניט
פערדריסט עס איהר, און זי ווייסט נישט וואָס פריהער צו געבען, צו
זופּ, צו אַ פאָר-שפּייז צו אַ חלק פלייש. ס'ווערט א סומאַטאָכע,
מ'איז זיך טועה אין געציים. מען שרייט אויף דער קריסטין, וואָס
האַלט אין איין אויסווישען גאָפּלען און קיין איין טיעפע טעלער איז
ניט ריין. די קריסטין ענטפערט... און פון דאָרטען הערט זיך
א געקלינגעריי פון טעלער. דער זיצט אַ הונגעריגער אין וואַרט
אויף דער פאָרשפּייז; דער האָט שוין נעבען שטעהן דעם טעלער
פלייש - א מעסער, ווען ער זאָל האָבען א מעסער! איינער פערנעהמט

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אומזיסט א שטוהל: ער ווארט אויף קאמפאט. און די קעלנערין שטעהט איבער'ן קארק און איילט. ממש עס פאלט פון די הענד; האבט פון איילענעש א טיעפע טעלער אויף לעבערקעס, שעפט אן א קאכלעפעל זופ און גיעסט אין א קליינעם קאמפאטען-טעצעל. דער סוף איז: מ'פערטיילט זיך מיט פלייש... לויפט מען אראב, אז מען טרעפט אן אויף א גוטען גאסט וואס וויל ווארטען, צום קצב, און מען קויפט צו „געמאהלענס", פרעגעלט מען אויס אויף גיך קאטלעטען... פערדיענען פון אזא מיטאג — איז אבגערעדט... אט וואס ס'הייסט „אלע מיט אמאל"!

נאר אפט פלעגט מיר אויסקומען עסען קאטלעטען... אין פלעג שוין וויסען, אז ס'האט זיך געטראפען א סבה. ווארען געוואוסט האט די בעל-הבית'טע, אז קאטלעטען עס איך ניט גערן.

— אייער פלייש איז בראטען, א ריפ-בראטען, אדער א שבי-קעלע שפאנדרע — פלעגט מיר די בעל-הבית'טע זאגען.

קלאר אונטערשיידען די פליישען האב איך ניט געקענט. נאר דאס האב איך געוואוסט: קוים קום איך פריה — טרעף איך אנ'אויפגעראמטען עסצימער, א קלארע טישטוך איבער'ן טיש, צוויי-דריי אין המוציא'ס צעשניטענע און אין לעבלעך צונויפגעלייגטע ברויטען... עטליכע צונויף-געלייגטע סערוועטקעס, ערשט פון אונטער'ן פלעט-אייזען ארויס, א פולע פלאש קאלט וואסער מיט א האלבע טוץ גלעזער ארום איהר, טרוקענע. די שטוהלען, וואס האבען א נאטור אויסגעהאפט צו ווערען, און לאזען אויף זיך ווארטען, שטעהען צעשטעלט ארום טיש לעדיגע, און זענען גרויס און אזוי פיעל אין די אויגען... זאלען זיך אריינשיטען א מאה מענשען און צוזעצען זיך וועלען נאך בלייבען לעדיגע ערטער! די קעלנערין, אויב זי איז ניט פון די גיכע, טרעפט מען ביי'ם פערשפיליען דאס לעצטע קנעפעלע אין דאס ווייס אדער רויט בלוזקעלע און א פינף מינוט יאגט זי זיך ארום אין זוכעניש נאכ'ן שערצ'ל, ערשט האט זי איהם געהאלטען! געפינט זי איהם, טוט זי איהם אן אין קיך, און שילט אן דעם גאסט וואס האט זיך אזוי פערפריהט, און זי קען זיך דעריבער ניט צושפיליען דעם שערץ אין עסצימער פאר'ן שפיגעל.

וואס ס'אנבעלאנגט דעם עסען, איז די פארשפייז שטענדיג די זעלבע, ווען מען זאל ניט קומען: צו פריהער צו שפעטער. דער

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אונטערשיער איז נישט מעהר ווי אין די טעלער: קומט מען פריה — חאפט מען נאך אַריין און מען דערלאַנגט'ס אויף צוויי טעלער, אַ קלענער טעלעריל און אַ גרעסער'ס. פלייש — אָדער איך קריג אַ פלאַך שטיקעל איבער'ן גאַנצען טעלער, וועלכע שניידט זיך לייכט און וועלכע לאָזט זיך עסען מיט אַ שוואַרץ שטיקעל ברויט, אָדער מען גיעט מיר אַ הויך אויפגעגאַנגען שטיק פלייש, בלאַסלעך אביסעל, פערציינגען מיט אַ פעט הייטעל, דורך וועלכער עס קוקט אַרויס אַ ברייט און אַ דין ביינדעל. קיין סך זאַפט איז אין'ם ביינדעל ניטאָ, ס'איז דין, דער פלייש אָבער איז זאַפטיג און לאָזט זיך עסען מיט אַ ווייס פריש שטיקעל ברויט. דער זופ איז גוט פריה — ער איז אָבער אום צוועלף צו הייס... קאָמפּאָט איז ווי די פאָרשפייז: איז ער צוגעברענט, שפירט מען עס פונ'ם ערשטען טעלער'ל.

איך בין ניט געוועזען אַ מענש פון אַ שטעלע. פלעג איך ניט קומען עסען אין אַ בעשטימטע צייט. אַ מאָל נאָך אַ פערשפּעטיגטען שלאָפען פלעג איך אַראָבקומען אַ זייגער צוויי, האַלב־דריי, האָב איך שוין ניט געטראָפען דעם אויפגערוימטען עסצימער. די געלערנטע שטוהלען, וואָס קענען אַזוי רוהיג, אָרענטליך שטעהן אַרום טיש, זענען צעוואָרפען... ווי אַנ'אָבגעגעסענעם גאַסט האָט זיך פער־גלוסט אויפצוהויבען זיך פון טיש אַזוי איז זיין שטוהל געבליבען שטעהן: דער האָט מיט זיין שטוהל אַ פאָהר געטהון ביז צום שפּיגעל און האָט איהם דאָרט געלאָזען, עטליכע האָבען זיך אויסגעדרעהט מיט די אָנלעהנער'ס צום טיש און זענען מחילה אַזוי געבליבען שטעהן. איינער אַ שלאַק אַ שטוהל איז גאָר איבערגעקעהרט מיט די פיסלעך אַרויף. די טישטוך איז פערגאָסען. אין פלאַש איז נאָך איבערגעבליבען אביסעל געלבליך וואַסער אויפ'ן דעק. פונ'ם גלאָז אודאי. די גלעזער צעזייט אויפ'ן גאַנצען טיש, קיין איינ'ם ניט לעדיג. אַ האַלב ברויט'ל ליעגט מיט'ן פערברוינט־רויטען פנים אַראָב, פון אַ גאַנצען ברויט געבליבען! קומען אַלע מיט אַמאָל טראָגט מען אַריין פון קיך גאַנצע ברויטלעך, און ווער עס וויל שניידט, און קיינער שניידט ניט גלייך. די קעלנערין איז מיעד, דאָס לעצט קנעפּעלע פון דאָס ווייס אָדער רויט בלוזקעלע איז אָבגעשפּיליעט, דאָס שערצעל איז פערוואָרפען, זי זוכט עס אָבער ניט... און איך קריעג קאַלטעס! די בעל־הבית'טע האָט דעמאָלסט צייט, קומט זי אַריין מיעד פון קיך און זעצט זיך מיר ענטקעגען,

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

זאגט מיר אז מיין פלייש איז א ריפ-בראטען אדער א שטיקעלע שפאנדרע נאר צוליעב א סבה.

— איז היינט געווען ביי מיר א „גראטשקע"! איהר וועט גלויבען אויף זעליגמאנען? צעבריגז'ט זיך און איז אוועק אין מיט'ן מיטאג... פון די אלטע געסט, הייס אלץ, איז מיר א גוטער פריינד און — אנטלאפען! מילא... איך בין איהם נאכגעלאפען אויף די טרעפ, וואס האב איך געוואלט מעהר טהון?... עסט, עסט אויף דעם קאטלעט!— און אז די קעלנערין געהט אריין אין קיך נאך א טעלער זופ, רוימט זי מיר איין: און שולדיג איז זי! איידער זי טהוט זיך א קעהר. בלי נדר די נייע וואך ביים איך איהר, — ס'איז אבער שווער צו קריגען אנ'ערליך מיידעל... ווארט, יעצט איז ביי מיר אויפגעקאכט דער טשא'ניק. א גלעזיל טהיי... אנ'עולה, אז מ'קומט שפעט!... אט האט איהר ניט קיין הנאה!

אין דער אמת'ן פלעגט אזא מיטאג נארניט אזוי שלעכט זיין, יע, די קאטלעטען... מעהר פלעגט די בעל-הבית'טע אליין, וואס האט אלע איהרע 25 געסט געהאלטען פאר גוטע פריינד, איינ-רעדען, אז מ'האט קיין הנאה ניט, און פלעגט פערדעקען איהר עולה מיט א גלעזיל ווארימ'ס, וואס געהט ניט אריין אין חשבון מיטאג, און דוקא אזיס'ס— איהר וועט טרינקען! מיינט איהר, מיר פערדריסט אויף זעליגמאנען? א מענש צאהלט, וויל ער ס'זאל זיין גוט און בעקוועם. איך גלויב אפילו ניט, אז ער זאל מארגען קומען!

אונזער בעל-הבית'טע האט אונז אלעמען, כמעט אלע אלטע „געסט", מיט וועלכע זי האט אויפגעבויט דעם רעסטאראן, גע-האלטען פאר גוטע פריינד, פאר זעהר גוטע פריינד! נאר גע-שראקען האט זי זיך אונז ניט צו פערלירען... א, זי האט זיך זעהר געשראקען! ווארען געוואוסט האט זי, אז עס פעהלען ניט אין לאנד קיין רעסטאראציעס, אויף יעדער טריט.

## II.

אין לאנדז האב איך פערבראכט עטליכע יאהר. פון די יונגע לייט אויף שטעלעס, וואס צעהלען זיך דארט אריין אין די הונדערטער טויזענדער, האב איך געקענט 25—30, מיט וועלכע איך פלעג זיין טרעפען צו מיטאג. געקענט האב איך זיי זעהר גוט. נאר אלץ צ,

מיטאָג, פון צוועלף ביז צוויי, פון צוועלף ביז צוויי... אין גאַס פלעג איך אַ סך מאָל זיי פאַרבייגעהן און ניט בעמערקען, כמעט ווי ניט דערקענען. אין וואָס פאַר אַ שעה ס'זאָל ניט זיין: פינף, זעקס, זיבען, אַכט — פאַרנאַכט, אַז עמיץ פון זיי פלעגט מיך אָבשטעלען אין אַ הויז, אָדער אין גאַס: — איהר זעהט מיך גאָר ניט?! — פלעג איך איהם אָנקוקען און נעפינען, אַז ס'איז עפּעס ניט דער... אויף דער פּאָסט איינמאָל, כ'געה צו איינעם, וועלכער איז געשטאַנען אַריינגעבויגען דעם קאָפּ און געשריבען, און בעט מיר געבען אויף אַ ווייַלע די פעדער. ענטפערט מיר יענער: האָט צייט! און רופט מיך ביי'ם נאָמען. קוק איך איהם אָן — ס'איז ווישניאַק!... מיר וואָלט זיך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז ווישניאַק זאָל זיך אַזוי איינביינען. צו מיטאָג ווייס איך ווי און ווען ער פערקריכט די ליפּען... גיעט מען איהם הערינג, פערקנייטשט ער די נאָז, שטעלט אָן, אָן גאָפּעל אַ שטיקעל, שלינגט עם איין און שרייט: כ'עס ניט קיין הערינג, גיט מיר עפּעס אנדערש. פישמאַן — איינער פון זיי — האָט מיר אויפגעגעבען אַ פּלאַן: כ'זאָל אַריינגעהן צו איהם אין געשעפט און נעהמען זיך דאָרט אויף אַ קאָסטיום. אַז איך בין אַריין געקומען אין געשעפט, האָב איך געבלאָנדזעט מיט די אויגען און בין געבליבען קוקען אויף אַ מאָדנעם פישמאַנען: ער איז געשטאַנען איבערגעבויגען איבער אַ טיש און ניך ניך געוויקעלט סחורה. ווען ער האָט מיך דערזעהן איז ער רויט געוואָרען. — אַה!... — צו מיטאָג זיצט דער זעלבער פערלענגט אַ קניע אויף אַ קניע, עסט דעם פלייש מיט נישט, פרעגט צו יעדער שפּייז דער קעלנערין: וואָס וועט איהר מיר געבען ווייטער?... און שמייכעלט גנבה'ש. איינעם ליפּקין האָב איך געטראָפען אויף אַ קאָנצערט, יאָ, אויף אַ קאָנצערט! האָב איך געזעהן, ווי ער האָט גענומען אַ הויפּען קאָנפעטי און אַ שאָט געגעבען אויף אַ שוואַרצען קאָפּ. און ס'איז געווען ליפּקין מיט די סלונע אין ביידע ווינקלען מויל. דער זעלבער ליפּקין, וואָס קומט און רופט נאָך אויס אין פאָרהויז: עסען! עסט און בריהט זיך: מאַכט ער לייידיג דעם טעלער, נעהמט ער צונויף נאָך טעלער פון דער נאָהענט, גיעט עם דער קעלנערין און אַז ביידע הענד זענען איהר פערנומען קניפּט ער איהר לייַכט אין וויַיכען פלייש פון אָרעם, און רעדט שטעל אַרויס: ט, ברענגט ווייטער!

אַז זיי לעבען אַ „טאָג" אין די אָווענדען, אין די נעכט, האָב

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

איך מעהר פערשטאנען ווי געוואוסט. פון דעם, וואס זיי פלעגען אלע גלייכווערטלען זיך, פערוואָרפען אויגען אויף דער קעלנערין, וואס פלעגט אריינטראגען טעלער און ארויסטראגען זיי, בעווייזען זיך פון קיך און פערשוואונדען ווערען דארט, האב איך וועניג. וואס געקענט וויסען. אביסעל חושד געוועזען האב איך זיי פאר זייער גלייכגילטיגקייט; פערוואָרפען די אויגען איף דער פולער ברוסט, אין גלייך זיי אוועקגענומען און אבגעמאכטען מיט דעם זעלבען גלאנץ דעם טעלער פלייש, דאס טעלעריל קאמפאט, אויך די גלייכווערטליך זייערע פלעגען זיי אפט צופיעל געראטען; צו רוהיג און צו גלייכגילטיג פלעגען זיי זיי ארויסזאגען, און איך פלעג זיי חושד זיין: א, זיי זענען די נאכט אליין ניט געשלאפען!

## III.

פערזיצענדיג זיך איינמאל פון אין דער פריה איבער א בוך; ניעב איך א קוק דעם זייגער: באלד צוועלף. פאלט מיר איין געהן צו מיטאג. שטארק הונגעריג בין איך נאך ניט געוועזען, נאר אז איך האב מיך דערמאנט אן דער נעכטיגער גראטשקע, איז מיר דער איינפאל זעהר געפעלען געווארען. עטליכע חדשים, זומער-צייט, פלעגט די צאהל ביי אונזער בעל-הבית'טעס טיש פערגרעסערט ווערען. מיר פלעגען-צו קריגען חברים, מענשען בעיאהרנטע, בכבוד'יגע, מיט בייכלעך, מיט ליסע קעפ. מאגען -- וואס האבען זייערע ווייבער אוועקגעשיקט אויפ'ן דארף אנשעפען זיך מיט ריחות פון בוימער און גראזער, און זענען אליין געבליבען אין דער רויכיגער שטאדט, צווישען הויכע קוימענס. מיר, די שטענדיגע, פלעגען זיך לכתחלה האלטען פון זיי, פון די נייע, פון דער ווייטענס, ניט גוט ניט שלעכט... מיר האבען געוואוסט, אז די אלע פרעמדע פארשוינען, וואס קומען און זעצען זיך אריין צווישען אונזערע שטענדיגע בעקאנטע פנים'ער, זענען ניט מעהר ווי א צייטליכע ערשיינונג, מיט דעם ערשטען קאלטען ווינטעל וועלען זיי צוריקרופען פון די דערפער זייערע אויסגעפאשעטע ווייבער, וועלען פערשווינדען פון דאנען און וועלען ווידער ריינמאכען אונזער טיש פאר אונז... מיר וואלטען זיי געבען צו פיהלען ביי'ם טיש אונזער אויבער-האנד; מיר, די אלטע, די שטענדיגע, און טאמער האבען מיר זיך דאך איינגעהאלטען, איז

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

עס דערפֿאַר, וואָס מיר פֿלעגען וועלען דער בעל־הבית'טע אַ טובֿה טהון. נאָכמעהר! מיר פֿלעגען נאָך די „זומער־פֿליעגען" אַ ביסעל צוזעהען. זעלינמאַן, וואָס פֿלעגט ליעב האָבען עפּעס בעלעדיגען זיך אויף דער בעל־הבית'טע און אַנטלויפֿען פֿון טיש אַ ברוגז'ער, פֿלעגט אַליין אַרײַנלויפֿען זיך אין קיך נאָך דאָס זאַלצמעסטעלע און אוועקשטעלען עס בײַ אַ דאַטשניק'ס טעלער פֿלייש, אוועקשענקען זײַ ניט איינמאָל די סערוועטקע; בעמערקענדיג אַ קרומע מינע פֿון אַ דאַטשניק, צורופֿען דער קעלנערין און הייסען איהר איבערבײַטען; דעם הערען די זופּ... אויסער דעם איז אונז אין די חדשים אויסגעקומען מעהר וואַרטען אויף אַ שטוהל און אויפֿ'ן עסען.

ניט אומזיסט האָט אונז די בעל־הבית'טע געהאַלטען פֿאַר גוטע פֿרײַנד!

דעם זומער זענען אונזער טיש בעפֿאַלען אַ שפּאַר ביסעל זומער־פֿליעגען. צום אונגליק האָט זיך די קעלנערין, שוין גאָר, ווי די בעל־הבית'טע האָט עס ערקלערט, אויסגעניצט: מיט קלאַפּען און קלינגען אין טעלער האָט מען איהר ניט איבערגעשראָקען. אין איהר צוטראָגען דעם טעלער האָט זיך געשפּירט דאָס מידקייט, וואָס מוז בעפֿאַלען אַ מענשען וואָס דערלאַנגט אַ לאַנגע צײַט אויף איין און דעם זעלבען טיש, איין און די זעלבע מענשען... דערפֿאַר טאַקי האָב איך געוואָלט אָבפּטר'ן דעם מיטאָג פֿריהער און פֿאַרשפּאָרען וואַרטען.

אין קאָרידאָר שטעהענדיג, איז אויסגעוואַקסען נעבען מיר אַ יונג מײַדעל, וועלכע האָט דעליקאַט אויסגעשטרעקט די הענד און צוגענומען פֿון מיר דאָס שטעקעל און די פּעלערינע. איך האָב איהר נאָכגעקוקט און דערזעהן אַ נײַ דראַטהען הענגעריל צוגעשלאָגען אין ווינקעל. אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז אויף דעם זעלבען אָרט אויך געווען אַ הענגער, אַ הילצערנער, נאָר אַז ס'זענען אַרויסגעפֿאַלען אַלע פֿלעקלעך האָט מען שוין געלייגט די פּאַלטאָ'ס וואו איינעם איז אײַנגעפֿאַלען. אַז איך בין אַרײַן אין עסצימער, האָבען מיר אַ גלאַנץ געטהון אין די אויגען זעקס נײַע ווינער־שטוהלען; פֿון דער קיך האָב איך געהערט דער בעל־הבית'טעס קול: די נײַע גאָפּעל־מעסער מיט די אַלטע, גיעב איך איבער אײַך, רעגינאַ, וועל איך וויסען, אַז דוועלען ריין זײַן!

וואַ, וואַ! כ'האָב מיך גיט ניט געקאָנט אײַנהאַלטען און בין אַרײַן

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אין קיך, אנקוקען חאטש דער בעל-הבית'טע און אבגעבען איהר מזל-טוב.

— מיט מזל זאָלט איהר לעבען!

דאָס יונג מיידעל, וואָס האָט פון מיר צוגענומען די פעלערינע און דאָס שטעקעלע, איז געשטאַנען און געצעהלט אין שערץ אַריין די גאָפּעל-מעסער, נייע מיט אַלטע, נייע מיט אַלטע. זי האָט דער-שפירט מיינע בליקען, אַ ליַיכטע פאַרב האָט בעגאָסען איהר פנים, זי האָט זיך מ'עה געווען אין צעהלען, און אַרייַנגעוואָרפען די לעצטע גאָפּעל-מעסער אין שערץ אונגעצעהלט, און אַרויס אין עסצימער.

— מעהר ווי מיט אַלעמען האָב איך געטראָפען מיט דעם מיידעל! האָט מיר די בעל-הבית'טע פערטרויט שטיל מיט אַ צו-פרידענעם פנים. — יעצט אַז איהר וועט וועלען וואַרטען, וועט איהר ניט קענען, דער טיש זאָל מיר נאָר ניט קורץ זיין — אַלע פיער געריכטען מיט אַ מאָל! וויַיטער יאָגט ניט... — די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט העכער: אדרבא זאָל זי הערען און זאָל זעהן זיין אַ געשיקט מיידעל, געסט האָבען פיינד צו וואַרטען...

איך בין אַריין צוריק אין עסצימער. קיינער איז נאָך ניט געווען. איך האָב מיר געזעצט צום טיש. זי איז צוגעגאַנגען ליַיכט, ווי אַ נייער מענש, וואָס איז ניט היימיש אויף דער פּאָדלאָגע אויף וועלכער ער טרעט. זי איז צוגעגאַנגען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— וועט איהר שוין עסען?

— איך האָב אויף איהר געקוקט: די נייע קעלנערין האָט געהאַט אַ לענגליך מאַטאָוי'ע געזיכט, אַ שמאָל געשניצט נעזיל, גרויסע אויגען, איינס נאָהענט צו'ם אַנדער'ן, בלאָהע, אָפענע, אַ שטערן, האַלב פערדעקט מיט שוואַרצע פערקעמטע האָר, וואָס ליגען איהר שווער אויפ'ן קאָפּ.

— יעצט.

די אויגען זענען מיר אַראָבגעפאַלען אויף איהר איינפאַכע ברוסט, פרום בעהאַלטען אין אַ בלוזע.

אַז זי האָט מיר אַוועקגעשטעלט דעם ערשטען טעלער האָב איך דערזעהן איהר האַנד.

— זי האָט געמוזט דינען — איז מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ; איהר האַנד, זעהר אַ קלאָרע האַנד, נאָר לייכט צעקנייטשט:

נאָכ׳ן פֿײַער מאַכען, פֿאַרלאָגעס וואַשען, פֿלעגט זי אודאי די הענד ווייקען אין הייס וואַסער...

נאָכ׳ן עסען האָב איך מיך געזעצט אויף דער קאַנאַפּע. חברה האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען. איך האָב עקסטרע נאָכגעקוקט: דאָס זעלבע, קורצע, דעליקאַטע בעגעהן זיך מיט אַלעמען. און מערקווירדיג! פּונקט ווי זאָל האָבען געקאָנט קיטניסען, אז ער רעדט לייכט אַרויס אַ גראָב וואָרט; ווענדעט זי זיך צו איהם, דריקט איהר בעוועגונג אויס אַ געבעט: האַלט דיך איין!... פֿערשעם מיך ניט...

אונזער רעסטאָראַן האָט געקראָגען גאָר אַן׳אַנדער פּנים, מ׳האָט זיך נאָך ניט אומגעקוקט האָט מען שוין געהאַט אָבגעגעסען! צום כּ״ש איז זי געוועזען געשיקט. דעם ערשטען און דעם צווייטען טאָג פֿון איהר אָנקומען האָבען מיר געהערט פֿון קיך די צוגעהמען וואָס זי האָט יעדען פֿון אונז געגעבען: פֿלייש, דעם וואָס אין די ברילען... דעם הויכען מיט׳ן שוואַרצען בערדיל, דעם שוויינעדיגען... דעם דריטען טאָג האָבען מיר שוין געהערט פֿון דאָרט אונזערע נעמען.

אָ, זי איז געוועזען אַ קעלנערין מיט׳ן גאַנצען האַרצען!

דאָס פֿאָרזיכטיגע האַלטען זיך מיט די געסט איז געבליבען דאָס זעלבע: קורץ, דעליקאַט... דער איינ־איינציגער לעהרער, דער תּם האָט געהאַט דאָס גליק זי זאָל זיין מיט איהם פֿרייערער, אַ לאַך טהון איהם אין די אויגען – וואָס ווערט איהר הײַנט, פֿאַני ליובאָשיץ, עסען?

– ניעט וואָס ס׳איז דאָ!

אַ מאָל האָט זי איהם אַראָבגעשאַרט פֿון זיין קניע אַ שטיקעל מעהרען, וואָס ס׳איז איהם אַראָב געפֿאַלען פֿון צימעס.

מ׳האָט אָבער געמעגט גלויבען, אז דער לעהרער וואָס פֿלעגט שטענדיג קומען מיט אַ „הצפירה״ האָט איהר ניט געקענט נוט אין פּנים.

אָנרופֿען איהר ביי׳ם נאָמען פֿלעגט אונז אויסקומען זעלטען. האָט ווער איהר גערופֿען ביי׳ם נאָמען פֿלעגט עס איהר לייכט דערשרעקען, ווי מ׳וואָלט צו איהר צו נאָהנט צוגעהן...

– רעגינאַ, איהר ווערט מיך הײַנט אָבפֿאַרטיגען וואָס גיכער!

– יאָ!

יענער ווערט שוין ניט וואַרטען אַ מינוט.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

איינמאל בין איך אריינגעקומען אהין פאר-נאכט —

— א, די בעל-הבית'טע איז ניטא... איך האב פאר איהר געבראכט געלד!

רעגינא איז געזעסען אין שוין דונקעלען עסצימער, ביי'ם פענסטער, דעם קאפ אנגעשפארט אויף א האנד, מיט אנ'ערנסטען געזיכט און מיט א תנועה, ווי איינער זאגט: מיין ארט איז דא... פון דער קיך האט מען געהערט דער קעכין עפעס שייערן.

די שטולען זענען געווען צעשטעלט אין דער דונקעל איינס נעב'ן דעם אנדערן ארום טיש, און ס'האט זיך געדוכט אז די שטולען שלאפען, ביז מארגען צוועלף האבען זיי צייט. איך האב איינעם ארויסגעצויגען האט ער מאדנע א סקריפ געטהון, ער האט זיך ניט געריכט.

איך האב זיך געזעצט.

— אנצינדען דעם לאמפ? זי האט זיך אויפגעשטעלט.

— אליין איינס.

זי איז צוגעגאנגען, אויפגעהויבען די הענד צום הענגלאמפ. אראבגענומען דאס גלאז, אנגעריבען א שוועבעלע.

איך בין געזעסען ענטקעגען, אנגעשפארט מיט דער אראבגעבוינטער ברוסט אויפ'ן שטעקעל, און געקוקט אויף איהר. אז זי האט אריינגעזעצט דאס גלאז אין דער מאשינקע האט דאס פולע ליכט פון א בליץ-לאמפ בעלויכטען איהר געזיכט, דאס לענגליך מאטאווע געזיכט און די האר...

„איך וואלט זי מיטגענומען יעצט צו מיר" איז מיר דורך א געדאנק, און פאר מיינע אויגען איז פארביי געשוואומען מיין שטילער איינזאמער צימער.

אראבגעהענדיג אין דער דונקעל האב איך לייכט געקלאפט מיט'ן שטעקעל די שטיין-טרעפ, געמיינט האב איך אויסקלאפען מיין ניט כשר'ן איינפאל — אנ'ארענטליך מעדעל!

## IV.

— פון וואנען נעהט איהר עס אזוי שפעט?

נאך הינטער מיין פלייצע האב איך געהערט גיכערע טריט פון מיינע און האב געטראכט, אז דער מענש וועט מיר באלד

אריבערנעהן. איך בין געגאנגען א היים אָהן חשק, — ווידער דאָס איינזאם צימערל!

דער מענש האָט זיך אויסגעגלייכט מיט מיר, אָנריהרענדיג זיך אָן מיין ארבעל, איז באלד אריבער אין מיין טראָט און האָט מיר געפרעגט פון וואנען איך געה עס אזוי שפעט.

איך האָב מיך אומגעקוקט — רובין!

אין רעסטאָראַן, ניט קוקענדיג וואָס ער עסט שוין דאָרט א יאָהר, האָט ער זיך נאָך אַלץ גערופען: דער נייער.

געארבייט האָט ער ביי א קליינעם קאָמיסיאָנער. א שוויינע-דיגער יונגער מענש, אויסער א מאָל, ווען ער איז אויפגעלעגט, מיט א גלאַטען רונדיגען שטערן, אַ שאַרף בלאָס געזיל, אויף וועלכען עס זיצען גוט א פאָר פענסנע מיט דיקליכע גלעזער. אין די שוויינעדיגע טעג פלעגט ער צו מיטאָג כמעט א וואָרט ניט אויסריידען. איז איהם אויסגעקומען צו וואַרטען, פלעגט ער מיט פינף פינגער קעמען נאָכאַנאַנד די טשופרינע-האָר, וואָס פלעגען זיך לכתחלה איינבויגען און צוטיילען זיך צווישען די פינגער, נאָר באלד ווידער אויפשטעהן, יעדעס הערל אויף איהר אָרט. פלעגט איהם וועלען מיאוס דאָס וואַרטען, פלעגט ער מיט א קאַלטקייט נעמען וואָס עס איז פון טיש און קלאַפען אין וואָס עס איז דריי מאָל, מיט א קאַלטקייט: איינס, צוויי, דריי... אין קיך פלעגט מען שוין וויסען וואָס די דריי סיגנאַלען בעדייטען.

— רובין איז שוין אין גרימצאָרן, נאָ'ט פטר'ט נאָר איהם אָב...

נאָך מיטאָג, אז די קאַנאַפקע איז פערנומען, זעצט ער זיך מיט איין פוס אויפ'ן פענסטער, די אַנדערע הענגט אראָב, פון וועסט טעשעל נעהמט ער אַרויס אַ קליין מוסטערל, פון אונטער א קלאַפע ציעהט ער אַרויס אַ נאָדעל, און גריבעלט אין די פעדעם. חברה ביי'ם טיש דערצעהלען, אַז ער האַלט שוין וויים אין וועבעריי!

— אַנ'אמת'ר קנור, אַט דער רובין, וואָלט ער חאָטש זיין ביי א פאַבריקאַנט איז שוין עפעס אַנדערש! מען קומט אָפט אַריין אין פאַבריק, מע זעהט די וועב-שטיל, קען מען אַמאָל עפּעס נאַשען, איז ער אָבער ביי אַ קאָמיסיאָנערל, קוועטשט די באַנק ביי'ם שרייב-טיש און פערשרייבט פוילע אָרדרעס! מיינט איהר ער וועט ניט זיין אַ וועבער-מייסטער, אָט דער רובין? די לעצטע צייט

טרעפֿט מען איהם זיך אַרום שלעפּענדיג מיט אַ פּוילישען לאַנג־רעקיגען מײַסטערל, פֿאַר אַ ליטוואַק אַ דײַטש וועגען זײַ די כּפּרה־ווי ער קריגט זײַ אָבער!

מיר פֿלעגען איהם זעהר ניט ליעב האָבען, און שטענדיג, נאָכ׳ן עסען, ווען ער פֿלעגט אַוועקגעהן האָבען איהם חברה ניט צו נעמען דערמאָנט.

— ווי איהר קוקט איהם אָן איז דאָס אַ גזלן, ניט עקסטרע־מאָרגען אַ קוק אַ׳יף זײַנע ליפּעלעך און, אויף די הענד, די בּײַניגע הענד זײַנע... —

צוקומענדיג צו אַ ראָג, וואו מיר האָבען זיך געדאַרפֿט נעמען אין אַנדערע גאַסען, האָט ער מיר אָבגעשטעלט.

— אפשר וועט איהר געהן צו מיר שלאָפֿען?

כ׳האָב מיך אויף איין אויגענבּליק דערפֿרעהט, אַנ׳אײַנפֿאַל! די אויגען זענען מיר בּאַלד געפֿאַלען אויף רובּינען און ס׳איז מיר אָראָב דער חשק.

— איך דאַרף אַ היים געהן...

ער האָט מיר אָנגענומען פֿעסט פֿאַר אַ האַנד —

— וואו וועט איהר יעצט געהן, קומט! שלאָפֿט הײַנטיגע נאַכט בּײַ מיר...

איך בּין מיט איהם געגאַנגען.

— פֿאַראַן בּײַ מיר אַ מאַשינקע, וועל איך איהר אָנצינדען, וועלען מיר טרינקען טהע. איהר יועט דאָך טרינקען אַ גלאָז טהע.

— איך געה יעצט פֿון קאָנדיטערײַ.

— בּײַ מיר איז אַ פּרינציפּ: נישט געהן אַ היין! מ׳קען זיך ניט אויסצאָהלען פֿאַר די שפּיגלען, וואָס זײַ בּעהענגען דאָרט די ווענד...

ער איז צו געגאַנגען צו אַ טויער. קוים איין קלונג געגעבען, אַ מינוט צײַט זענען מיר געשטאַנען און געוואַרט. רובּין האָט שוין אויסגעשטרעקט די האַנד צום גלאָק — אַ דראָשקע איז פֿון ערגעץ וואו אַרײַנגעפֿאָהרען אין אונזער גאַס. ער האָט אָבגעוואַרט בּיז זי איז אָבגעפֿאָהרען ווײַטלעך און, אַז ס׳איז געוואָרען ווידער שטיל, האָט ער דרײַ מאָל געצויגען דעם גלאָק. קאַלטבּלוטיג, איינס, צווײַ, דרײַ... מיר האָבען בּאַלד דערהערט ווײכע טריט און אַ קליגגען פֿון שליסעלעך. מ׳האָט אויפֿגעשלאָסען, מיר זענען אַרײַן אין אַ

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

טויער. דער סטרוזש איז הינטער אונז געבליבען אין שלאפעריג פערשלאסען דעם טויער צוריק.

— קומט ארויף אויפ'ן דריטען שטאק, איהר זעהט ווי צו געהן?

— איך וועל שוין ארויף. איך האב זיך געהויבען אין דער פינסטער אויף די טרעפ, פון איין שטאפעל לאנגזאם אויפ'ן אנדערען, כדי איך זאל זיך מיט עמיצען ניט בעגעגנען נאז אין נאז.

אומגעריכטערהייד האב איך דערהערט עמיצען שטיל פרעגען:

— רובין?

איך האב געזעהן ווי א שווארצער שאטען האט זיך אויפ־געשטעלט פון די טרעפ און שטיל געפרעגט:

— רובין?

— אה... רובין האט זיך דערמאנט, — נו, קום אריין...

— ווער איז מיט אייך?

דאס איז געווען א פרוי. רובין האט איהר געזאגט מיין נאמען. האט זי נאר שטיל אויסגעשריען: אי! און איז אראב־געלאפען. איך האב דערקענט דאס לייכטע געראויש פון א פרויענקלייד.

נאך איידער ער האט אנגעצונדען דעם לאמפ, האב איך אבגעשמייכעלט און אבגעפרעגט:

— פארוואס רעכט'ס איז אייך יעצט ענטלאפען?

דאס קליין לעמפיל האט פערלויכטען דעם אויפגערוימטען האלב־מעבלירטען צימער.

— איהר האט ניט דערקענט רעגינא'ן?

רובין האט אראבגעצויגען די דיקע פענסטער צום אויסווישען און, האט מיך אנגעקוקט מיט ווילד־פערצויגענע קורצזיכטיגע אויגען.

— רעגינא?

א שמייכעל קוים צו בעמערקען איז אריבער אויף זיין גלאנ־צענדע גילטיגען פנים.

— אונזער רעגינא...

רובין האט גענומען עסק'ן מיט דער טהע־מאשינקע, מיך האט עפעס פערדראסען אויף דעם פון נאטור שלעכטען מענשען און, האב איהם ניט פערגונען א פרעג טהון פון דער ערשט ענטלאפענער רעגינא'ן.

נאכ'ן טהע, אז רובין האט אויסגעלאשען דעם לאמפ, און

געטאפט אנ׳אויסגעטהאנענער צום בעט, בין איך שוין געלעגען אויף מיין מאטראץ.

— ווי זי האט זיך אבער פאר איך פערשעמט... א מארנע זאך! זיי ווילען ניט אז אלע זאלען וויסען...

רובין איז האלב ארונטער אונטער דער קאלדרע ניט איינצושלאפען.

— איהר וועט גלויבען — האט ער פלוצלונג אנגעהויבען, פונקט ווי ער וואלט ווייטער געפיהרט אנ׳ערשט איבערגעבראכענעם געשפרעך — צוויי גאנצע חדשים איז מיר ניט איינגעפאלען אז מען קען מיט איהר מאכען געשעפט... בעמערקט האט איהר איהרע בלוזקעלעך? אלע מיט די הויכע קרענעלעך, פערשפיליעט אויף דריי העקעלעך, און די ארבעל ענדיגען זיך מיט שמאלע מאנושעטען. וואלט זי געווען א בעל־הבתישע טאכטער, וואלט זי זיין א „ניט ריהר מיך אן”, און וואלט רויט געווען פאר א בחור אין חלום...

„דאס ערשטע מאל איז מיר אריין אין קאפ וועגען רעגינא׳ן, ווייל איך בין אריין אמאל אין קיך און געזעהען, אז דאס בעטעל וואס פלעגט שטענדיג שטעהן רעכטס צום וואנד שטעהט ניט מעהר... די בעל־הבית׳טע אונזערע, קומט מען נאר אריין אין קיך, בעמערקט זי דאס מינדעסטע אויפ׳ן געזיכט.

— גרויסער געווארען אין קיך, איא?... רעגינא שלאפט ניט אין דער היים, א חבר׳טע האט זי, האב איך ארויפגעשטעלט דאס בעטעל אויפ׳ן בוידעם.

כ׳וויים ניט פארוואס, ס׳איז מיר אריין אין נאז...

א צווייט מאל האט געטראפען א קליינינקייט... איך בין קורצזיכטיג, איינמאל שפעטלעך ארויפגעהענדיג צו דער בעל־הבית׳טע זיך אויסרעכענען איז מיר פון די טרעפ אנטקעגען אראב א יונג מיידעל. דאס טרעפ־לעמפיל איז פונקט געווען אויסגעלאשען. א חוש הריח האב איך אבער א גוטען; דאס לייכטע האפסען... האב איך איהר אנגעהאפט אין דער פינסטער פאר ביידע ארים. זי האט זיך ארויסגעריסען און איז אראב, שנעל ווי ערשט... איך בין געווען א בעלן אומקעהרען זיך. אין טויער האב איך דערזעהן רעגינא׳ן. כ׳וואלט מיר קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז איהרע ארים זאלען האבען אזוינע פולע מוסקעלן, די בלוזקעלעך איהרע האבען ניט ארויסגעגעבען...

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

איך האָב איהר דעריאָגט...— וואָס האָט איהר זיך אַזוי בייז אַ ריס געגעבען?

זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, באַלד איהם אויפגעהויבען און אַ קוק געטהון אויף מיר: איהר זענט עס געווען?...— איהר קול איז געווען שטיל און אַ ביסעל פערשולדיגט. זי האָט אָנגעהויבען באַלד לאַכען: איך האָב זיך נעהאַט אַזוי דערשראָקען...

— איהר זענט אַ שרעקעדיגע... נו, וועל איך אייך אָבפיהרען.

איך האָב איהר אָבגעפיהרט. שטיל, ניט ריידען מיט איהר איז מיר אויסגעקומען איז גלייכער... ניט עפנען איהר דאָס מויל. איך האָב בעמערקט אַז מיין ערנסט שרעקט איהר אַ ביסעל און ברעכט איהר.

פאַרבייגעהענדיג וויסלאָרניאַ גאַס האָב איך איהר אָנגעוויזען דאָס הויז וואו איך וואָהן.

— דאָ וואָהן איך.

זי האָט אַ קוק געטהון ניט ווילענדיג, כ'זאָל ניט לאַנג האַלטען אויסגעשטרעקט דעם פינגער אויפ'ן הויז.

— מאָרגען וואַרט איך אייך אָב, רעגינאַ, פאַר דעם טויער...

איהר ווערט דאָך מאָרגען אויך מוזען פאַרביינעהן?

זי האָט ניט געענטפערט.

איך האָב פערשטאַנען אַז זי וועט מאָרגען ניט פאַרביינעהן. איך האָב אָבער געזעהען אַז זי שרעקט זיך צו זאָגען: ניין...

איהר ווייסט, — האָט זיך רובין פלוצלונג צו מיר אָנגערופען,— זי מוז זיין צופריעדען מיט איהר פּאָסטען ביי אונזער בעל-הבית'טע.

אויף מאָרגען פונדעסטוועגען בין איך אָבגעשטאַנען ביי'ם טויער ביז עלף. זי איז ניט פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב אַ שפּיי געטהון און בין אַרויף צו מיר, געזעצט זיך צייכנען אַ מוסטער'ל. איך האָב פיינט אַריינצוטראַכטען פון דער געמיינער חברה און רעג מיך ניט אויף אַזוי גיך.

אויף-מאָרגען נאָך מיטאָג איז זי מיר ענטקעגען געקומען פון קיך אין קאָרידאָר מיט אַ פּאָר טעלער זופּ. איך האָב איהר אָבגעשטעלט.

— זייט ניט איבעריג קלוג... הייַנט געהט פאַרביי!

אַ טעלער איז איהר אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד.

איך האָב מיך איינגעבויגט, אָבגעווישט די פּאָר טראָפּען וואָס

האָבען אַ שפּריץ געטהון אויף מײַנע הויזען. קאַמגאַרנע הויזען ...

האָב איך בײַז געעפֿענט די טהיר און בין אװעק.

בײַנאַכט אַ װײַנער צעהן איז זי דורכגעגאַנגען. זי האָט אָבער אַ בליק ניט געטהין צום טויער, װאו איך האָב איהר אָבגעװאַרט!

— רעגינאַ!

זי האָט זיך אָבגעשטעלט. אומגעקעהרט צו מיר אַ בלאַס פּנים. איך האָב איהר שטאַרק אָנגעקוקט.

— רובין ... מיט אַזאַ געבעט. פּונקט װי איך װיל זי שחט'ן ... און ריהרט זיך פֿון אָרט ניט.

בין איך צו איהר צוגעגאַנגען, אָנגענומען איהר פֿאַר'ן אָרעם.

— קומט... געזאָגט האָב איך עם װײַכער. די אויגען איהרע האָבען זיך ניט אויפֿגעהערט צו בעטען.

איך גיעב איהר אַ ציה פֿאַר'ן אָרעם — כ'װעל דאָך אײַך ניט שלעפּען פֿון טראָטואַר!..

זי האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט אין טויער אַרײַן, ביז צו די טרעפּ.

בײַ די טרעפּ האָב איך מיר עפּעס דערשראָקען: אויפֿ'ן דריטען שטאָק... אַ אַזוי הויך װעט זי ניט אַרויף.

האָב איך איהר אָבגעלאָזט די האַנד, קורץ איהר אַ זאָג געטהון: קומט... און לײַכט אַרויפֿגעשפּרונגען אַ גאַנצען שטאָק, צװײַ טרעפּען!

אונטער מיר, במעט אַזוי שנעל, נאָר לײַכטער האָב איך געשפּירט רעגינאַ'ן ...

ס'האָט מיר געװאונדערט, בין דעריבער לאַנג ניט געבליבען שטעהן און בין אַרויף נאָך אַ טרעפּ. איך האָב זי אָבער ניט גע־שפּירט אונטער מיר, זי איז געבליבען אונטען און, פֿאַרזיכטיג געקוקט אויף בײדע זײַטען טהירען פֿון ערשט־שטאָקיגע װאָהנונגען.

— קומט, קומט ... דאָ קען זיך פּלוצלונג אַנ'עפֿען געבען אַ טהיר.

איך האָב גערעדט שטיל, פֿערשטעלענדיג דעם מויל פֿון בײדע זײַטען מיט די הענד.

זי האָט לײַכט אַ ציטער געטהון און איז מיט דער פֿריהער־דיגער שנעלקײַט אַרויף װאו איך בין געשטאַנען. איך האָב איהר אָבער געלאָזט און בין דערלאָפֿען ביז צום צװײַטען שטאָק.

זי איז ניט נאָכגעלאָפֿען. זי איז געבליבען שטעהן. פֿון די

טרעפּ האָב איך נאָר געזעהן ווי זי שטעהט אינ׳ם שטרויען-היטעלע, אונבעוועגט.

איך בין שנעל אַראָב, האָב איהר אַ קוש געטהון אין פּנים, זי זאָל פיהלען היימישער און, בין ווידער אַרויף, זי — נאָך מיר...

צוויי גאַנצע טרעפּ איז זי נאָך מיר נעגאַנגען! נאָך איין טרעפּ... איך זעך שוין אין טאַש דעם שליסעל פונ׳ם צימער. חאַפּט זי מיר אָבער פאַר׳ן האַנד, ביי׳ם טאַש און בעפעהלט מיר מיט אַ געבעט: רובין, פאַני רובין, קומט פיהרט מיך אָב אַהיים... ס׳איז דאָך ניט ווייט...

— נאָך איין טרעפּ אין גאַנצען. איהר זעהט די טהיר?.. רעכט׳ס. די ווייסע.

זי האָט בעטראַכט די טהיר און אַרויף מיט מיר אויף אַ שטאַפּעל.

דריי שטאַפּעל האָט זי זיך געלאָזט שלעפּען. אויפ׳ן פערטען — ניין און, ניין!

— פיהרט מיר אָב אַהיים... און ווייזט מיר די פּיינלטע אויגען.

ס׳האָט מיר שוין אָנגעהויבען מיאוס ווערען די גאַנצע זאַך, איך קעהר מיך אָב, לאָז איהר אַזוי שטעהן... זי קוקט מיר נאָך און וויינט.

אַז דער שליסעל האָט אָנגעהויבען שרייען אין טהיר, האָב איך דערהערט ווי זי לויפט, לויפט אַראָב, אַראָב...

— זאָל זי לויפען, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר... כ׳עפען די טהיר, קום אַריין און קלאַפּ איהר שטאַרק צו... צינד אָן דעם לאָמפּ, געה צו צום בעט און פערבעט עס ווייכער... זאָל זי לויפען! שריי איך אויס, און דרעה מיך אַרום אין צימער ביי אַ פינף מינוט, געה דערנאָך צו, עפען די טהיר, און רוף שטיל: רעגינאַ! רעגינאַ!

אַ שוואַרצער שאָטען רוקט זיך אַרויס פון דער פינסטער.

-- רעגינאַ!

אונטער דער טהיר איז זי געשטאַנען. האָב איך איהר אָנגענומען פאַר דער האַנד, אַריינגעבראַכט זי, און פערשלאָסען די טהיר.

— — — — — — — — — — — —

— איהר שלאָפט שוין? האָט מיך רובין פלוצלונג אַ פרעג געטהון..

— איך שלאָף ניט... האָב איך איהם געענטפערט פון מיין מאַטראַץ.

— עפעס א מאָדנע אונזער רעגינא, האָט רובין זיך דערמאָנט, און אויפגעזעצט זיך אין בעט. — אַזוי ווי איך האָב איהר אַרײַנגעבראַכט אין צימער, אַזוי איז זי געבליבען שטעהן. אָנגעקוקט דאָס מעדעל אַזוי ערנסט, מיט אַ פערקנײטשטען שטערן . . . מיר איז דאַמאָלס אײַנגעפאַלען, אַז זי איז נאָך אַודאי אַ גאַנצע זאַך, און, ס'האָט מיר הנאה געטהון...

איך בין צו איהר צו און געקושט זי אויף די אויגען.

— איהר זענט אַ קינד, רעגינאַ...

אַ שמײכעל איז איהר לײַכט אַריבער איבער'ן פּנים...

— לעגט אײַך צו אַ ביסעל.

איך האָב מיך געזעצט צום טיש צײכנען אַ מוסטער'ל.

די נאָדעל האָט זיך מיר בײַ'ם אַרויסציהען דעם ערשטען פאָדעם לײַכט אַרײַנגעשטאָכען אין פינגער, ניט צוליעב איהר, ווייל איך— בין איך קאַלט; כ'בין אַ ביסעל קורצזיכטיג... בײַ דעם דריטען פאָדעם האָט זי זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע... אין די זאַכען, אפילו דאָס שטרויען־היטעלע ניט אַרונטערגענומען פונ'ם קאָפּ...

דעם מוסטער האָב איך אויפגעצײכענט... געלאָזט איהם ליעגען אויפ'ן טיש; אין דער פריה, אײדער איך געה אַוועק אין קאַנטאָר, נעהם איך צוזאַמען דאָס צײכען־פּאַפּיער, מיט'ן בלײַ, מיט'ן מוסטער'ל און, לעג עס אַלץ אַרײַן אין טישקעסטיל.

טאָמער איז זי, אין דער צײַט פון מײַן צײכנען, אײַנגעדרימעלט געוואָרען אויף דער קאַנאַפּע, האָט זי זיך געבּרויכט אויפחאַפּען פון דעם אײַן אַרונטערנעהמען דאָס שטרויען־היטעלע. געהיט האָב איך מיך נישט, כ'האָב געמוזט פריהער אַרומטאַפּען דעם גאַנצען קאַנט פון הוט אײדער איך האָב דערטאַפּט אַ הוט־שפּילקע, און אַרויסגעצויגען. האָב איך אָבער אָנגעהױבען אַרונטערנעמען דאָס היטעלע פון קאָפּ, האָט עס מיטגעשלעפּט דעם גאַנצען קאָפּ האָר... כ'האָב פערשטאַנען אַז ס'מוז ערגעץ שטעקען נאָך אַ שפּילקע, האָב עס טאַקי באַלד געפונען, אַרויסגעצויגען, און דאָס היטעלע איז לײַכט אַראָב, קײן אײן האָר האָט עס ניט מיטגעשלעפּט.

דאָס קרענקעלע בײַ'ם האַלז האָב איך באַלד לויז געמאַכט — אויף העקעלעך איז עס געווען. אַז איך האָב מיר צוגעריהט צום

בלויסען האַלז איז איהר ווי אַנ׳ „אָה!״ לײַכט אַרויס. פונ׳ם שלאָף זאָל עס זײַן? איך גלויב עס ניט! אַז איך האָב אָבער אַ קוק געטהון גלײַך אין שלאָפעדיגען פנים — האָט עס ניט געהאַט קײַן בעוועגונג. זי איז געשלאָפען: מיט׳ן שמאָלען נאָז אַרויס, מיט רוהיג אַראָב־געלאָזטע ברעמען...

אַז מײַן האַנד איז געפאַלען אויף איהר אויפגעבלעסטער ברוסט, האָט זיך ווידער אַרויסגעכאַפט דער לײַכטער „אָה״... איך האָב איהר ווידער אַ קוק געטהון אין געזיכט — זי איז געשלאָפען!

צום העמד האָט זי זיך ניט געלאָזט צוריהרען — אַ לאַנג העמד...

איך האָב איהר געקוקט אין געזיכט און געפרובט מיט דער האַנד ריהרען ס׳העמד: דאָס געזיכט האָט זיך ניט אַריהר געטהון, נאָר איהר שטאַרקער אָרעם איז געלעגען אויסגעצויגען פונ׳ם אַקסעל ביז צו דער קניע...

איך האָב איהר גענומען אויף די הענד. זי איז מיר אַזוי יונג און אַזוי לײַכט געלעגען... דאָס צווייטע מאָל איז מיר אײַנגעפאַלען: זי איז נאָך אודאי אַ גאַנצע זאַך! און האָב איהר געקושט די ווײַסע ברוסט.

טראָגענדיג זי פון קאַנאַפּע צום בעט זענען איהר די האָר צעפאַלען. זי האָט אינסטינקטיוו פערוואָרפען די בלויסע הענד צום קאָפּ, ווי יעדעס פרויענצימער ווען עס ווערען איהר צעפאַלען די האָר... זי האָט זיך אָבער דערמאַנט — אָ, זי איז ניט געשלאָפען!... און איהרע הענד זענען געבליעבען הענגען און געלאָזען די האָר צופאַלען.

ס׳האָט מיך געריהרט. איך האָב איהר געקושט די פּאַלצע.

כ׳ווייס ניט, ס׳קען זײַן, ווען כ׳האָב אויסגעלאָשען די לאָמפּ, האָט זי די אָנגעשטרענגטע וואַכע אויגען געעפענט. איך בין קורצזיכטיג האָב איך זייער גלאַנץ ניט געזעהן אין דער פינסטער.

אין דער פריה האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעטהון זיך, אַרויס אויף אַווײַלע פון צימער, געלאָזען זי אַ שלאָפעדיגע. אין פינף מינוט אַרום אַז איך בין צוריק אַרײַן האָב איך איהר גע־טראָפען אָנגעטהון; ס׳היטעלע אפילו פערשטאָכען מיט די שפילקעס, פערשפיליעט ס׳קרעגעלע. זי וואָלט שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען ווען זי וואָלט ניט מורא האָבען לאָזען דאָס צימער אַלײַן.

די אויגען זענען מיר געפאַלען אויפ׳ן נישט־פערבעטען בעט.

א פריצה!..

ווי איך בין אריין איז זי אַרויס.

– קומט היינט, רעגינא...

כ׳האָב נאָך עפּעס באַלעמוטשעט אין צימער, יאָ, כ׳האָב צונעטעמען פון טיש דאָס צייכען־נעצייג, האָב עס באהאַלטען אין שופלאָדיל און בין אַוועק אין קאַנטאָר.

די אַנדערע נאַכט און די דריטע נאַכט האָב איך זי געהייסען קומען, די פירטע -- ניין.

– צופיעל איז אומגעזונד –

רובין האָט אַרויפגעצויגען די קאָלדרע ביז׳ן האַלז, איינגעהילט זיך איינצושלאָפען.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

# אַלײן.

I.

שפעט בײנאַכט בין איך אַ הײם געקומען,
שפעט —
בעשטאַנען איז מײן הײם:
פיער װענד פון לײם,
אַנ׳אױבעלע אַ שטומע,
אַנ׳אײזען בעט,
אַ טיש פון האָלץ,
אַ ליכט אַ צוגעשמאָלצענע אין עק,
אַנ׳עלענד שטיל, אַ דלות שטאָלץ,
און אַ בעהאַלט׳נע שרעק,
מײן הײם! מײן הײם!

II.

שפעט בײנאַכט בין איך אַ הײם געקומען,
שפעט —
הינטער מיר האָב איך די טיר פערשלאָסען,
און שטעהן־געבליבען אין דער פינסטער —
מײן הײם! מײן הײם!

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

קאלט און שטיל
האט זי מיך אויפגענומען,
איך שטעה א וויל,
איך איינער, איך, א ווייל —
א וויל דערפרוירענער געפיהל,
א וויל פערשטארבענער געדאנק,
אין מיט'ן צימער...

---

III.

עס איז געוועזען שוין שפעט ביינאכט,
שפעט —
איך האב אנגעצונדען שווייגענדיג דאס ליכט,
פערפלאכטען האנד אין האנד,
און אויפגעזוכט מיין שאטען אויף א וואנד,
דעם הויכען, שווארצען, מיט'ן טרויריגען געזיכט....
איך האב צו איהם געלאכט,
ביז טיעף אין נאכט —
און וויך און גוט צו איהם גערעדט,
ביז שפעט...

---

IV.

איך האב דערהערט א קלאפ אין טיר —
ווער קומט צו מיר?
איך ווארף א בליק צו'ם וואנד — מיין שאטען ברומט:

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

## אַ דריטער קומט!..

איך האָב די מיר געעפענט ברייט —
און ס'איז אַריין דער טוידט...
דער שליסעל איז אַרויסגעפאַלען מיר פון האַנט
און בין שטום צוגעפאַלען צו אַ וואַנד,
און צו אַ צווייטער וואַנד איז צוריקגעטראָטען
מיין הויכער, שוואַרצער שאָטען.
דער טוידט האָט זיך דערפרעהט: אָח—וועה!
דאָ זענען צוויי?!
ער האָט געעפענט לאַכענדיג דאָס מויל
אָהן ציין און פויל,
און אויסגעשטרעקט צוויי דאַרע הענד
צוביידע ווענד —
האָט ווער פון אונז געבעטען עם:
נאָר איינעם נעהם!
האָט ער מיין שאָטען אָבגעריסען פון דער וואַנד
און איז אַרויס מיט איהם ביינאַנד;
זיך אומגעקוקט, בעטראַכט מיך פון דער שוועל
און איז פערשוואונדען שנעל.
איך בין שטעהן געבליבען אויפ'ן אָרט
אָהן אַ וואָרט,
און האָב פערבראָכען ביידע הענד
פאַר הוילע ווענד...

# צווישען גוים.

נאכדעם ווי ס'איז אנגעקומען א פאוויעסטקע פון דאס ווייט, קליין שטעדטעלע, צו וועלכעס ער איז צוגעשריבען, אז ער טוג זיך דאס יאהר צושטעלען צו מיליטער, האט זיין שוועסטער, א זיבצעהן יעהריג מיידעל א שניידערין געוואלט מיט איהם מיט־פאהרען, האט ער זיך איינגעשפארט: נאר אליין!... ס'האט זיך איהם געוואלט אליין, אהן א שוועסטער, אהן קיינעם ארויספאהרען אין דער וועלט...

אז די באהן איז אבגעפאהרען א שטיק וועג פון שטאדט און האט זיך פארשלעגנעלט מיט א געפייפערי אין וויסטע פעלדער, האט ער זיך ערשט דערפיהלט אליין, און ס'איז איהם זעהר געפאלען...

יענע מענשען וואס זיצען דערינען, אין די וואגאנעס, זענען איהם פרעמד, מענשען פון פערשיעדענע שטעדט, יעדער האט פערהאפט א פלאץ און ווארימט איהם... מאדנע מענשען! אין אזא פינסטערע נאכט האט מען זיך איבערגעגעבען א לאקאמאטיוו אין די הענד אריין... דערפאר טאקי זיצען זיי און שווייגען, זיצען אין שרעק און געהען ארויס פון זינען... אויפ'ן בילעט שטעהט דער נאמען פון דאס ווייט שטעדטעלע, נאר עס גלויבט זיך איהם נישט אז דער לאקאמאטיוו זאל נים פארפליעהען צווישען די הרי חשך, אין א מדבר אריין, נאר אבשטעלען זיך פונקט נעבען אזא ווייט קליין שטעדטעלע.

---

אינ'ם קליין שטעדטעל האט איהם קיינער נים געקאנט. א ציינג איז איהם אין איין געסיל ענטקעגען געלאפען, און א קליין פיינעלע האט זיך פון זיינע טריט איבערגעשראקען, האט איבער־געלאזט דאס צווייגעלע און איז אוועקגעפלויגען, נאר מענשען זענען איהם פערבייגעגאנגען, הין און צוריק, און האבען איהם נישט בעמערקט...

נאך באלד אין דער פריה האט ער זיך דערפרעגט. איז אריין אין א שטוב, וועלכעס איז געווען געפאקט מיט 21 יעהריגע בחורים. קיין מענש אין דעם שטוב קאן איהם נישט... פלוצלונג.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

האָט אַ נאַטשאַלניק אויסגערופֿען הויך זײַן נאָמען...

אַז מ'האָט איהם אָבגעגעבען, האָט ער אָנגעשריבען צו דער שוועסטער אַ קלײַן בריעוועלע: ליעבע שוועסטער, מען האָט מיך צוגענומען... דער דאָקטאָר האָט מיר געקוקט אין די אויגען, האָט מיר געגלעט די האָר, און דאָך האָט מען מיך צוגענומען... וואָרג ניט!—

---

צווײַ גימנאַזיסטקעס מיט פֿריש־רויטע ליפּעלעך און ערשט־אויפֿגעגאַנגענע ברוסטען, מײַדלעך פֿון די לעצטע קלאַסען, וועלכע זענען פֿרעהליך אַרײַנגעלאָפֿען מיטאָג־צײַט געוואָהר ווערען וועגען זײַערע בלוזען, האָבען געטראָפֿען דער יונגער שנײַדערין מיט פֿײַכטע אויגען; אויף די לאַכענדיגע חדר־מײַדלשע פּנים'ער האָט זיך באַלד פֿערצויגען אַ נ'ערנסט, ווי אין גימנאַזיום אויף דער לערן־באַנק... איבערלעזענדיג דאָס קאַרטעל, וואָס די יונגע נעהטאָרין האָט זײַ בעוויזען, האָבען זײַ ניט געוואָלט גלויבען...

— דער בלאַסער, מיט'ן בלאָנדען קאָפּ?...

די יונגע, קוים ענטוויקעלטע ברוסטען האָבען לײַכט אַ ציטער געטהון: דער, מיט'ן בלאָנדען קאָפּ?

באַלד איז אַרײַן אַ מאַדאַם מיט אַ קלײַן טאָכטעריל, אָבגענומען וואָס פֿאַרטיגעס. זי האָט אויך ניט געגלויבט.

— אײַער ברודער? אזא שוואַכען! ער זעהט דאָך אויס יונגער פֿאַר אײַך, פֿרײַלײַן?!

— מאַמעשי, האָט דער מאַדאַם'ס קלײַנע טאָכטעריל געפֿרעגט דער מוטער— דער, וואָס שלאָפֿט שטענדיג שפּעט, דאָרט אין קלײַנעם שטיבעל, און פֿאַרקעמט זיך ניט די האָר?...

דער, טאָכטערשי, האָט די מאַדאַם געענטפֿערט, אײַנבויגענדיג דעם דיקען קערפּער צו דער טאָכטעריל'ס ווינטער־זאָקען, וואָס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף די שיכלעך... ווען דאָס יונגע מײַדעל וואָלט זיך ניט פֿיהלען אַזוי אונגליקליך, וואָלט זי פֿערהאַפּט די מלאכה, און ניט דערלאָזט אַזאַ גרויסען קערפּער זיך אײַנבויגען.

— מען האָט איהם צוגענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט, האָסט געזעהן סאָלדאַטען?

— סאָלדאַטען מיט די רויטע היטעלעך, מיט די רויכע שליפֿערעס און מיט די ברײַטע הויזען!

— אַלץ זעהט עס און אַלץ בעמערקט עס!...— בעריהמט זיך די מאַדאַם פֿאַר דעם מיידעל.

אַ וואונדער איז עס טאַקי געווען וואָס די „פּריסוטסטוויע" האָט איהם נישט בראַקירט. און נאָך מעהר: דער דאָקטאָר וואָס האָט איהם אַזוי ווייך געקוקט אין די אויגען און געגלעט איהם די האָר, האָט געזאָגט דעם ערשטען „גוט". דער פּאָרזיצענדער האָט אונצופֿריעדען אַ ברום געטהון אונטער דער נאָז: נו... דער וואָינסקי־נאַטשאַלניק מיט'ן האַנד צווישען פֿערשפּעלעטען מונדיר, האָט געזאָגט זיין שטענדיגען: „ר'טוינ!" איינער פֿון די לעצטע בעלי־דעות, האָט זיך אַרויסגעחאַפּט: ניין... האָט באַלד חרטה געקראָגען, און האָט געוואָלט טעמים פֿאַר וואָס האָט ער געהאַט די נאַרישקייט צו זאָגען: ניין?

ניט אַנדערש, ווי דער ווייסער, ניט נאָר מאָגערער קערפּער איז זיי געפֿעלען! וויל קוקענדיג אויפֿ'ן בלאַסען פּנים וואָלט מען איהם בשום־אופֿן ניט אָבגעגעבען. אַ הויכער שטערען, זעלטען־ווייס אָהן אַ קנייטש, נאָר מיט בלאָהע ווינקלען, פּונקט ווי די אָדערען וואָלט'ן איהם אַרויפֿגעשוואומען אויפֿ'ן הויט. פֿון אונטער שיטערע־לאַנגע ברעמען קוקען תמיד אַרויס צוויי שטילע אויגען, וואָס זענען אַ רגע טיעף ווי דער הימעל און אַ רגע אָבערפֿלעכליך ווי דאָס פֿליהען פֿון אַ שוואַלב.

אין דער היים איז דאָס לעצט חדר'ל געווען זיין און דער שוועסטער'ס שלאָפֿצימער. דער שוועסטער'ס בעטעל איז געשטאַנען פֿעררוקט אין דעם דונקעלסטען ווינקעל, האַלב אונטער אַנ'אויבעלע. קיינמאָל פֿלעגט דער ברודער נישט זעהן ווי די שוועסטער לעגט זיך און שטעהט אויף: אַ פֿלייסיגע אַרבייטאָרין איז געווען די שוועסטער; מיט'ן בעגינען פֿלעגט זי זיך אויפֿהויבען פֿון איהר האַלב־בעהאַלטענעם געלעגער, און זעצען זיך נעהען פֿאַר די ערשטע שטראַהלען פֿונ'ם טאָג בלוסקעס, לייכטע, אָהן קרעגעלעך, ווי מען נעהט אין שטאָדט.

שפּעט ביי דער נאַכט, ווען זי פֿלעגט איהם אויפֿשליעסען די טהיר און אָבלויפֿען אַנ'איינגעוויקעלטע אין אַ לייכטע קאָלדרע, פֿלעגט ער זי קוים בעמערקען, דאָס קליין רונדיג קאָפּעלושעל, פֿלעגט איהם זיצען אויפֿ'ן שפּיץ קאָפּ, און די בלאָנדע קרויזען צעוואָרפֿען אין אַ שענעם אונאָרדנונג אויפֿ'ן שטערען. אין די אָפֿענע אויגען האָט

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

געגלאנצט דאס עלעקטרי־ליכט פון טעאטער, און אויף די יונגע ליפּען האט גערוהט דאס זילבער שמייכעלע פון טעאטער, וואס קלוגע מיידעלעך האבען אראבגעלאכט פון דער סצענע.

מ׳זאגט, אז אין א גרויסע שטאדט איז די נאטור נישט שען. דאס איז נישט אמת! ביי נאכט זענען די בעלויכטענע טראטואַרען אינטערעסאנט; די גלאטע־ברייטע שטיינער האבען מעהר חן ווי די שענסטע דארפס־בלומען; די הויכע שווייגענדיגע מויער׳ן זענען שענער ווי די הויכע צווייגענדיגע בוימער פון אלע זומער־וואהנונגען, און שענער זענען אויך די אלע מיידלעך, וואס האבען ניט מורא שפּעט ביי נאכט שפּאַצירען געהן אין די זילבערנע גאסען מיט ליבע־ביכלעך אונטער׳ן ארעם, פאר די ווייסע זומער־פייגעלעך, וואס פליהען אויף די גרינע פעלדער. און שטיל איז; יעדער לייכטער קלאפּ פון א קאמאשעל מאכט ציטערן די קליינע שטערענדלעך אינ׳ם זייד־בלויענעם־הימעל.

יעדע נאכט, אז ער פלעגט אהיים קומען פון טעאטער, פלעגען איהם אונטער די פרישע אויגען אויסוואקסען אזעלכע שווארצע רעדער... שפּעט שפּעט פלעגט ער איינשלאפען אונטער דער וואַטענער קאלדרע, ווייל משונה׳דיג־זיסע מחשבות פלעגען איהם בעפאלען אויף שעה׳ן, שעה׳ן־לאנג. ביי זיין איינשלאפען פלעגען די בלאסע לבנה־שטראהלען נאך שענער זיינע האר אויפ׳ן שטערען צוגרייזלען, און פערבלאסערען איהם נאך שענער דאס פנים.

אז מען שלאפט איין דריי ביי דער נאכט שטעהט מען אויף אום עלף, אין האלבען טאג אריין...

אויפרייסען פון שלאף, פלעגט איהם אמאל די וואכע זון, וואס פלעגט שוין האבען מעהר ווי א פערטיל הימעל דורכשפּאַצירט. אויפעפענענדיג די אויגען האט ער זיך דערזעהן געבונדען אין גאלדענע דינע שטראהלען, אבער אזא סך! נישט ארויס צו רייסען זיך... גיעט ער זיך א ווארף, צעררייסען זיך טאקי די שוואכע גאלד פעדעם, פאלט ער אבער אריין און פערפלאנטערט זיך אין אנדערע פעדעם. האפּסט ער אראב פון בעט, פליהען זיי פארויס, און בריהען איהם לייכט די נאקעטע פיס, מוז ער צוריקשפּרינגען אין בעט אריין בעהאלטען זיך אונטער דער דעק, שווימען זיי דורך א שפּארע און קיצלען איהם... שווער איז דאס ראנגלען, און ס׳מאכט איהם בלאסער און מיעדער.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אַ סך מאָל פֿרעגט מען דער שוועסטער אין אַרבייטס־צימער — „ווער רויִשט עס דאָרט אַזוי״?

— כ'האָב אַ ווילד ברודער'ל — פֿרעגט זיך דאָס יונג מיידעל, און ציעהט דעם פֿאָדעם אַרײַן אין דער מאַשין.

אַמאָל וועקט איהם אויף פֿון שלאָף אַ קלינגענדיג רעדען אָדער אַ זילבער־געלעכטער — „אַזוי פֿריה צום פֿאַסען״? טראַכט ער און פֿליהט אַראָב פֿונ'ם בעט'ל, קוקט אַרײַן דורך דער טהיר־שפּאַרע אין דעם אַרבייטס־צימער; שווינדלען איהם פֿאַר די אויגען: טישען, צעוואָרפֿענע שערען, נישט־פֿאַרטיגע בלוסקעס: רויטע, געלע, ווײַסע. נאַקעטע אָרעמס.

— ס'איז זיי גאָרנישט קאַלט — „לאַכט ער און בעהאַלט דאָס פּנים אין די הענד פֿאַר פֿרייד און פֿאַר שאַנד... און נעמט באַלד אַרומשפּרינגען אין דעם ליכטיגען צימער פֿאַר פֿרייד און פֿאַר שאַנד...

---

פֿון דער קאַזאַרמע האָט ער געשריבען דער שוועסטער אַ טרויעריג בריוועלע: — אַ מיאוס, אַ גראָב לעבען... טראַכטען קאָן מען נישט! שרײַב מיר און מיה דיך כ'זאָל אַהיים קומען...

פֿאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען מיט אַ גאַנצע פּאַרטיי נאָוואָ־בראַנצעס אין קאַזאַרמע. די ווײַסע ווענט, די קייזער־בילדער, די צלמים האָבען איהם איבערגעוויזען מאָדנע פֿרעמד, אַז ס'האָט איהם געשוידערט... ער האָט אַרומשפּאַצירט אין די גרויסע ווײַסע שטובען, אין'ם געדרויש פֿון די נײַ־געקומענע, צווישען שמאָלע נאַרעס און נאָך שמעלערע שעניקעס. אויפ'ן קאָפּ איז איהם נאָך געזעסען דאָס היימיש רונדיג קאַפּעלושיל, די בלאָנדע האָר האָבען זיך נאָך געקרויזעלט אַרום בלאַסען שטערען, ווי אין דער היים... די שוואַרצע רעדער אונטער די אויגען זענען אָבער קוים געווען צו בעמערקען.

אַז אַלע, מיעד פֿון וועג האָבען זיך צעלעגט אויף די נאַרעס, איז ער געזעסען אויף אווינקעל־געלעגער און געקוקט אויף די שלאָפֿענדיגע.

איינער האָט זיך פֿון שלאָף אויפֿגעשאַרט דאָס העמד און האָט זיך געקראַצט...

— אַשוואַרץ לײַב, ער מוז זײַן אַ טאַטאַר...

ער האט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צום שלאפערינען, און געקוקט איהם אין פנים אריין: די אויגען זענען איהם טאקי געזעסען קרום, די באקען-ביינער האבען ארויסגעשטארצט ווי ביי די טאטארען.

– אהער געיאגט האט מען די טאטארען פון קאווקאז, פון צווישען די שנע-בערג... א ווייס ערד און שווארצע מענשען! און קראצען זיך אזוי היימיש פון שלאף, פונקט ווי זיי וואלטען שלאפען און זייער היים, אין באקו...

פלוצים איז איהם איינגעפאלען צו לאכען: אין דער גרויסער קאזארמע זענען געלעגען אין טיפען שלאף פערזונקען, א סך מענשען, יעדער אין איין אנדער פאזע, אלע – ערשט געקומענע פון וועג, האלב-אויסגעטהון; איינער האט צונויפגעצויגען די פיס צום בויך און בעהאלטען צווישען א האנד; איינעם איז נעפעלען ליגען אויף דער פלייצע, ארונטערלעגען די הענד אונטער'ן קאפ, די היטעל אראבגעצויגען איבער די נאז – אי איז דאס א גנב! ער מוז אודאי האלטען אפען די אויגען אונטער'ן היטעל!... איין חברה-מאן קאן זיך אנדערש נישט בעגעהן ווי ארויפלעגען די פיס דעם צווייטען אויפ'ן בויך ארויף. אז א מענש שלאפט, איז ער גוט,– ווען ער זיך אבער אויפחאפען – קריגט ער א שליידער!...

אויף מארגען האט מען איהם צוגענומען דאס רונדיג קאפע-לושעל און אבגעשוירען די בלאנדע האר. ס'האט איהם ניט געארט: אדרבא ר'וועט א קוק טהון ווי וועט ער אויסזעהן אינ'ם ניי זעלנעריש היטעל אויפ'ן קורץ-געשוירענעם קאפ.

אז מ'האט איהם אוועקגעשטעלט אין א שורה יונגע זעלנער און א געשריי געטהון: סמירנא! איז איהם אריבער א שוידער, און איז געבליבען שטעהן ווי א פערגליווערט שטעקעלע אין א פראסטיגען טאג. באלד נאך דעם סמירנא איז געווען א קאמאנדא: ראוונייס! און נאכדעם ווידער אמאל סמירנא!

געקאמאנדעוועט האט א געשטופעלט מאגער סאלדאטעל מיט א הויך קול. די קורצע הענד וועלכע ער האט געהאט פערווארפען א הינטער זיך, זענען געוועזען גרייט יעדע מינוט פונאנדערפלעכטען זיך און שלאגען... און די זון איז נאך צומאל נישט אויפגעגאנגען – פאניע נאר!... אבעלנות אויפצוועקען פאר-טאג און קאמאנדעווען סמירנא! אין דער היים איז ער נאך קיינמאל, אזוי פריה נישט

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

אידישע ארבעטער
מיטל שול
55
ניו יארק



אויפגעשטאנען... די שוועסטער אפילו אויך נים... אז ער וועט קומען אהיים וועט ער בעטען דער שוועסטער זי זאל איהם אויפוועקען פארטאג — וועט ער ליגען אזוי וואלעדיג אונטער דער ווארימער קאלדרע, צונויפקארטשען זיך און טראכטען אין האלבען שלאף ביז'ן גרויסען טאג אריין: פאניע נאר!

די הענד האבען זיך טאקי ביי דאס געשטופעלטע סאלדאטעל צעפלאכטען און א שטויס געגעבען דעם בלאסען נאוואבראנעץ אין הארצען אריין.

... פון „נאפראווא" אויף „נאליעווא" איז א גרויסער חילוק, פערטראכט מען זיך, איז מען זיך טועה.

פארנאכט האט ער ארויסגענומען דאס קליין מאריענבאדער מעסער'ל און האט זיך איינגעשניטען די רעכטע האנד, יעצט וועט ער שוין נים ברויכען אריינצוקלערען: נאפראווא — אויף דער איינגעשניטענער!

---

די זון איז שוין אונטערגעגאנגען. דאס דורכשפאצירען זיך פון די סאלדאטען עטליכע מאל אין טאג אויפ'ן פעלד איז טאקי וואויל, א וואונדער אויף פאניען... ער האט דאס אודאי געגאשט ביי די אויסלענדער.

אז די זון געהט אונטער שענער ווי זי געהט אויף, דאס ווייסען אלע! ווען דער מערב־זייט האט זיך צעגאסען אין העלע פארבען האבען זיך פערשידענע וואונדער־בעשעפענישען פון פערשידענע וועלטען צוזאמענגעשוואומען, און אויסגעציערט זיך אין די העלע גאלד־פארבען, וועלכע די גוטע זון האט מפקיר געווען פאר יעדען, ווארום צו וואס זאל זי עס מיטנעהמען אין תהום אריין? איז איהר בעשערט אונטערגעהן, זאל די וועלט געניסען פון איהר האב און גוטס.

און די יונגע זעלנער האבען זיך צעלאפען אויפ'ן ברייטען פעלד און געטראטען ווי די ווילדע חיה'לעך די גאלד־שטראהלען, וואס האבען זיך נישט ווילענדיג אראבגעשאטען פונ'ם הימעל אויפ'ן פעלד אראב, און ארומגעחאפט ווי ווילדע חיה'לעך די יונגע דארפס־מיידלעך, וואס זענען אונפארזיכטיג ארויסגעגאנגען פון זייערע צוזייטע, אויפגערוימטע דארפס־הייזלעך אויפ'ן פעלד ארויס.

דאס ערשטע מאל האט ער זיך דא געפיהלט ווי אין דער

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

היים, אויפחאַפּענדיג זיך אין האַלבען טאָג, אין דאָס לעצט ליכטיג חדר'ל וואָס די שוועסטער האָט איהם אָבגעטיילט.

געגעסען האָט ער נאָכ'ן דורכשפּאַציערען זיך דעם שוואַרצען זויער'ן ברויט מיט אַ פעטיט. אויף פאָווירקא איז ער געשטאַנען וואַך און שטאַרק; צעהנע האָט ער זיך געלעגט מיט אַלעמען גלייך.

אויפ'ן געלעגער האָט ער זיך געפיהלט בעקוועם, און ס'איז איהם נישט איינגעפאַלען איינצושלאָפען.

די זון איז איהם נאָך אונטערגעגאַנגען פאַר די אויגען, און ער האָט געקאָנט רוהיג ליגען און קוקען... ער דערמאָנט זיך אָבער און ניט פלוצלונג אַ טאַפ דעם שעניק און דאָס קליינע שטרוי-קישעלע אונטער'ן אָבגעשוירענעם קאָפּ... ניין, ער שטעהט ניט יעצט אין „סטראָי“... און דאָס געשטיפּעלטע סאָלדאַטעל קאָמאַנדעוועט יעצט ניט... וואַ! אין דער היים פלעגט ער טרעפען פונקט אַזאַ געשטופּעלט סאָלדאַטעל אויף דער גאַס מיט צוויי שוואַרצע ברויטען אונטער די אָרעמס. נישט בחנם בלאָנקען זיך אַרום אין דער היים אַ סך סאָלדאַטען איבער'ן שטאָדט! אין קאַזאַרמע פאַלט אויף זיי אַן אַמרה-שהורה. אין טהעאַטער פלעגען זיי זיך אַריינגענאַהרען אויף דער גאַלעריע... אַנ'אָרעם פאָלק! אַז די שוועסטער וועט איהם שיקען געלד וועט ער זיך מאַכען אַ קלענער היטעלע, שמעלער'ן דעם שינעל און צונעהען נייע שליפּעס, וועט עם האָבען אַנ'אַנדער פּנים... קומט ער אַזוי אַהיים — דערקאָנט איהם נישט די שוועסטער!

— וועמען זוכען זיי? — שיסט זיך אוים אַ געלעכטער.

פרעהען מיט איהם וואָלט זיך ערשט דאָס מיידעל אין דער שוואַרצער פעלערינע, וואָס דערצעהלט אַלץ פון מאַרקסען און פון די קאַפּיטאַלען וואָס קאָנצענטרירען זיך אין איינצעלנע הענד... אין אַמעריקאַ האַלט עס שוין ווייט!

— וואַ... ס'זאָל נאָר ווייטער געהן ווי ס'געהט, וועלען די אַרבייטער ערשט אויפלעבען! דאָס מיידעל אין דער שוואַרצער פעלערינאַ זאָגט, אַז ווען די אַלע קאַפּיטאַלען זאָלען זיך געפינען ביי אַ קליינעם טהייל „בורזשואַזניקעס“, איז שוין דער סאָציאַליזם אַזוי גוט ווי פערווירקליכט! איהם געפעהלט אַנדערש: בעסער נאָך אַביסעל וואַרטען, ביז דאָס גאַנצע געלד וועט אַריינפאַלען צו איינעם... וואַ! איין גביר!... אַ גראָבער אַ דיקער צווישען

א גאנצע וועלט אויסגעטאגערטע פראלעטאריער... מיט א „נוט־ביארנען“ וועט מען איהם פארטיג מאכען!

דאס מיידעל אין דער שווארצער פעלעריגע פרעהט זיך מיט סאלדאטען.. דאס לעצטע מאל, האט זי איהם בעוויזען טעלע־גראמעס, אז סאלדאטען זענען ארויס אין די גאסען און געפארערט..

יוא, האט זי זיך געפרעהט!

א שען מיידעל! די שווארצע פעלעריגע קליידט איהר... ר'וועט זי זעהן וועט ער זי פרעגען ווען וועט זיין אדעמאנסטראציע.. ער וויל טראגען די פאהן... וועט זי זיך פרע־ען! חאפט זי אריין א סאלדאט איז זי אין הימעל ...

און וועט ער קומען אהיים און וועט זיך מיט איהר טרעפען, וועט ער איהר נישט פערצעהלען פון דער קאזארמע... ס'וועט איהר פערדריסען... זיי גנב'ענען איינער דעם אנדערען פון די קעסטלעך... צלם'ן זיך... זי האט ניט ליעב צו רעדען פון גאט.

— „די בורזשואזניקעס האבען זיך אויסגעטראכט א גאט, כדי צו פערשקלאפען דעם ארבייטער“... אי איז זי בעז אויף די בורזשואזניקעס! א שוואך מיידעל, אז זי רעדט לאנג ווערען איהר די ליפען טרוקען...

גאט, האבען אבער די בורזשואזניקעס נישט אויסגעטראכט! זיי קאנען עפעס טראכטען וועגען אזוינע זאכען!! זיי האבען נאר א געשווינד קעפיל און גלאטינע פינגער צו ציילען רובלעס...

ווער האט טאקי בעשאפען גאט!

בלינדע... די ערשטע בלינדע מענשען!

אויף „פאוויערקא“ האט אנ'עלטער סאלדאטעל פארזשמורעט די אויגען פאר גאט און אויסגעשריען די תפלה, און נאך איהם האבען א גרעסער געגעבען אלע ווי די בלינדע שעפעלעך...

ווען ער זאל זיין א בלינדער און נישט זעהן דעם הימעל מיט דער ערד, די שטערען מיט די בלומען מיט די זומער־פייגעלעך און דאס מיידעל אין דער שווארצער פעלעריגע (קוקט זי אין כעס ארײן צעפאלען איהר די שווארצע האר אויפ'ן פנים) וואלט ער אויסגעטראכט א נייעם גאט, וואלט פערצעהלט א סך בלינדע וואס טאפען די ווענד, וואלט'ן זיי זיך בערוהיגען און בוקען זיך צו זיין גאט...

מארגען וועט ער איהר שרייבען א בריעף, זי וועט זיך דער־

פרעהען... איינמאל, אז זי האט זיך געאיילט אהיים פון דער בירזשע האט זי איהם אזוי ווייך געדריקט די האנד, און שיעור־שיעור נישט צוגעריהרט איהרע ליפען צו זיינע, איינרוימענדיג איהם א „גוטע־נאכט״!... ס'האט איהם אזוי געוואונדערט... ווען זי האט איינגעבוינט צו איהם דעם קאפּ, האט ער דערזעהן מארקס ערנסט פנים אויף איהר ברוסט...

אנ'ערנסט, פול געזיכט, שטרענגע בעשלאסענע אויגען!..

—

ער האט זיך א ווארף געטהון אויפ'ן שמאלען שעניק, געלעגט זיך בעקוועמער: דעם קאפּ העכער, די הענד פערפלאכטען אויף דער ברוסט.

... דאס בריעוועלע וועט זי מיטנעהמען פארנאכט אויף דער בירזשע, און וועט עס לייענען פאר די ארבייטער אין גאס, פאר די גאס־לאמפּען אדער אין אשוי־פענסטער... א בריעף פון א חבר!.. וועט זי יעדען זאגען. און אז זי וועט קומען שפּעט אהיים, שלאפען, וועט זי דעם בריעף אין בעט נעמען, און לעזען איהם פאר א ליכט. די בלוזע מיט מארקס בילד וועט ליעגען וויים אויף א שטול, און זי וועט דעם בריעף נאר אנדערש פערשטעהן...

ביז שפּעט אין דער נאכט זענען איהם בעפאלען משונה'דיג־זיסע מחשבות, און האבען איהם שווארץ געפארבט אונטער די אויגען... שפּעט, שפּעט אין דער נאכט איז ער איינגעשלאפען די הענד פערפלאכטען אויף דער ברוסט...

— — — — — — — — — — — — —

— ווסטאוואי.

דאס געשטופּעלט סאלדאטעל איז פונקט געווען דעם טאג דעזשורני און ס'האט א שניט געטהון איבער דעם דונקעלער קאזארמע...

נאוואבראנצעס, די גרויע די גרויע... האבען זיך א הייב געטהון פון די שמאלע נארעס. אויפגעשפּרונגען — די קאליערטע דארפס־העמדער זענען באלד פערשלונגען געווארען אין ברייטע הויזען און גרויע קאפּאטלעך; ווארימע מענשען־פּים זענען מאמענטאל פערוויקעלט געווארען אין שמאטעס און פערזונקען אין גראבע שטיוועל. די נאכט איז נאך געווען געדיכט, א פאר זינדיגע נשמות

זענען געקראָכען אונטער די נאַרעס אין געקעדהט, געקעדהט דעם שטויב — פאָניע נאַר.

צו טאָג איז נאָך געווען ווייט... ווינטער פאַר זעקס איז פינסטער און כמאַרנע און אין גיהנם וועקט מען נישט אין אזא צייט די רשעים... און די ווייטע שטערט שלאָפען נאָך אַלע: די בלאַסע טרוימער, די באָמבעס־וואַרפער, די זשאַנדאַרמען־און שפּיאָנען־באַנדעס...

— ווסטאַוואַי!

דער צווייטער אויסרוף איז הילכיגער און איז פאַר די וואָס זענען קראַנק אויף די אויער'ן, און ווילען, אַז מען זאָל זיי שטעלען אויף קאָמיסיע... און פאַר די וואָס זענען ספּעטער איינגעשלאָפען און האָבען זיך ספּעטער דערוואָרימט אויף דער נאַרע...

אַז זיינע מידע אויגען האָבען זיך אויפגעמאַכט און געפאַלען אויף די דונקעלע פענסטער האָט דאָס בלאַסע געזיכט געקראָגען אַ זעהר דערשלאָגענעם אויסזעהן...

צו טאָג איז געווען ווייט, זעהר ווייט... די זון מוז נאָך אַרומשפּאַצירען העט, העט... אין אַמעריקאַ.

היינט שרייבט ער דער שוועסטער: שוועסטער, מיה דיך, מאַך מיך פריי... וויל דאָ איז זעהר שרעקליך...

און די כמאַרנע פענסטער וואָלט'ן געווען נישט צו בעמערקען, ווען ס'וואָלט ניט קאָפּטשען אַ לעמפּיל, אַ רוסיש לעמפּעל, וואָס ס'איז עקסטראַ בעשאַפען געוואָרען פאַר אַ קאַזאַרמע... עח, פאָניע, פאָניע!...

נעכטען, איי ערנעכטען, ער געדענקט שוין ניט ווען, איז איהם דאָ עפּעס גוט געווען, ווי אין דער היים... ס'קאָן אָבער ניט זיין! אין די פענסטער, צווישען די ווענד קען גאָר ליכטיגער נישט ווערען...

אַ פערשלאָפענער האָט ער זיך דערשלעפּט צום בלעכענעם וואַסער־קעסיל, איינוואַשען זיך מיט קאַלט'ן וואַסער.

דאָ איז אַלץ קעכלען... מ'עסט פון קעסיל, טהע פון קעסעל און וואַשען זיך ביי'ן קעסעל.

אָבגעריסענע געדאַנקען האָבען זיך איהם געצוינגען אין פערשלאָפענעם קאָפּ.

מיט פערמאַכטע אויגען האָט ער זיך איינגעבויגען אַ דריק צו טהון דעם קראַן — וואָלט אַ טראָפּען קאַלט וואַסער אַ שפּריץ געטהון אויפ'ן בלאַסען פּנים וואָלט עס איהם די אויגען געעפענט...

די האנד איז אבער שלעפעריג אבגעפאלען פון קראן, און דאס בלאסע געזיכט איז מיער געפאלען אויפ'ן שארפען בלעך־קאנט. ארויס בלוט האט א שפריץ געטהון אין צעהן זייטען און פון צעהן זייטען האבען אויסגעשלאפענע דארפס־יונגען אויסגעשאסען א געלעכטער.

פאניע נאר!

וואונדערען האט מען זיך געמענט: אזא בלאס פנים האט געשפריצט מיט אזא רויטען בלוט!

## III

# צוּליעב דער סוּכּה.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# צו ליעב דער סוכה.

(א בילד).

ערב סוכות.

יונה דער שני־דער האט שוין כמעט אלעמען אבגעפארטיגט. אלע „דיטשלעך" האבען אבגעבראכט די פאר גילדען, נאר איינער דארף נאך קומען אויסלייזען א מענארקע, זי העננט שוין א פארטיגע אין שאנק — א מענארקע מיט'ן קנאק! היינטמאדישע אויסגעקריטטע טעשליך מיט קליינע קלאפעס. — די צווי נעה־מאשינען זענען איבערגעדעקט מיט א קלאר טישטעכ'ל; איין געזעלן פערנעהט אונגעדולדיג דאס אונטערשלאק אין זיין איינען רעק'ל; יונה אליין פוצט אויס די שבת'דיגע קאמאשען מיט אנ'ערשט אנגעהויבען שאכטעל שוהוואקס; ראשע קומט אריין פון קילשטיבעל מיט א דיניצע פיש פון וועלכער עס גערט א יום־טוב'דיגע פארע און ס'שמעקט מיט א יודישען ריח.

— כ'זאג דיר, יונה, פיש, טויזענד טעמים! לעבעדיגע העכט־לעך, כמעט בחצי־חנם.

— גיעב א קוק!

— א הא, דאס העלועלע!

— פש־ש! — לאכט יונה, אקוקנעבענדיג אין פאן פיש — אזוינע דראבנע!

— ועסטו נישט עסען! חנה ר' דוד'ס פאסט יא צו קויפען די העכטלעך, נאר יונה דער פריץ געפינט אלע חסרונות!

— דו טהוסט נאר אין ברענגסט ראיות פון חנה ר' דוד'ס — פארוואס קוק איך ניט אויף ר' דוד'ן?! ווען איך זאל קוקען אויף איהם וואלט איך דיך ניט גענומען, און וואלט מיך משדך געוועזען מיט אזא מיאוסקייט ווי ער...

— נו, נו! ער הויבט שוין אן... כ'האב יעצט מעהר קיין צייט ניט ווי אויסהערען דיין פלוידערן, לאז, איך וועל געהן אויעקשטעלען די פיש אויפ'ן פענסטער, זאלען זיי זיך אבקיהלען און איך וועל לויפען מאכען דעם בארעכ־צימעס.

— רבונו דעלמא כולא! — וואונדערט זיך יונה צופרידען — וואס טהוט זיך מיט דיר, ראשע? אלע מאל רייס איך מיר די נאל

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

אוים, אײדער דו שטײגלסט אויף שבת אַ טשאָלענט׳ל, און מיט אַמאָל—!

— וואָס מײנסטו, ס׳איז טאַקע אַ רציחה בנאמנות, נאָר אין סוכה, צווישען מענשען, איז ניט צו קאַרגען, דײַן מזל! — לאַכט ראַשע.

— אם כן... אויב יאָ אַזוי, וועל איך דיר הײַנטיג׳ס מאָל איך פערבעסער׳ן, און אַנשטאָדט וואָס איך גיב דיר אַלע מאָל אײַן קוש וועל איך דיר אין סוכה געבען צוויי, ר׳ דוד וועט קײן וואָרט ניט זאָגען, וואָס הײסט? מײַן ראַשקען!

— טאָמער הערסטו אויף, געמײנער מענש! — בײזערט זיך ראַשע אויפצופלײַסען און לויפט אַרײַן אין קיכשטיבעל.

יונה נעמט אָבפוצען דעם צווײטען קאַמאַש, אַ יונגער־מאַנציג קומט אַרײַן.

— עפּעס מיט אַן׳אַראָבגעלאָזטע נאָז — פערקרימט זיך יונה, פאַר זיך — אַ שלעכטער סימן! —

— נו פאַניע נאָלדבערג, נאָך אײַער מענאַרקע אודאי?

— איז זי פאַרטיג?

— ווי אַנדערש, נאָך נעכטען! מעסט זי נאָר אָן.

יונה נעמט אַרוים פון שאַנק דעם רעק׳ל און טהוט איהם אָן.

— אַ מלבוש זאָל אַזוי גוט ליגען, האָב איך שוין לאַנג ניט געזעהן!

— און טען ווי ליגט עֶר? — פרעגט נאָלדבערג צוזויפקנעפּלענדיג דעם ערשטען קנעפּעל...

— אויסגעצײכענט! מ׳דאַרף ניט בעסער...

— נו יונה, איהר ווילט דאָך מסתמא געלד אויך?

— נאָך ווי!

— האָב איך דוקא יעצט ניט, נאָר ניט שפּעטער ווי דעם ערשטען טאָג חול־המועד קריגט איהר דאָס גאַנצע געלד, וויפיעל מאַכט דאָס אוים?

— זעקס פופציג.

— ויאָצו דאָס נאָכשלעפּענעס—פופציג! זעקס רובעל, אַ גלײַכער חשבון!

— נו טראָגט עס געזונטערהײט, נאָך איך בעט אײַך, פאַני נאָלדבערג... חול־המועד... איך דאַרף געבען בעלי־מלאכות.

— איהר דאַרפט מיר ניט זאָגען... אַ גוטען יום־טוב, יונה!

Digitized by Google Original from CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

– אַ גוטען יום-טוב! – חזר'ט איבּער יונה און בּלייבּט שטעהן ניט פלייסיג ניט מילכיג...

---

– בּעצאָהלט? – פרעגט ראַשע, אַריינקומענדיג נאָך דעם יונגען-מאַנ'ס אַוועקגעהן.

– ווייס איך וואָס!

– טאָ פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעגעבּען? שטיק סמאַטע!

– דו ווייסט נאָר „ניט-געבּען"! געה און גיעב ניט אַ יונגער מאַן בּעט זיך אָבּ בּיז חול-המועד, אפשר האָבּ איך געדאַרפט אַראָבּ-רייסען פון איהם די מענאַרקע?

– מיין זאָרג, טהו ווי דו פערשטעהסט, וועסטו יעצט האָבּען דאָס לויפעניש אַזוי ווי מיט אַבּראַמזאָנען!

– נישקשה, ער וועט בּעצאָהלען בּיז איין פּרוטה, און ווידער זאָג אַליין ווי קען מען דאָס זיין אַזוי גראָבּ, און לאָזען אַ יונגען מאַן אָן אַ מענאַרקע אויף יום-טוב, אין דער צייט ווען איך פער-מאָג אַזאַ טייערע פאַן פיש?...

– ווידער אַ חכמה, און אָבּער אַ חכמה! אַלץ קומסטו אָבּ מיט אַ געלעכטער'ל, געה שוין געה, בּ'לעבּען!

– ווען וועסטו אָבּפוצען די שיך, מ'געהט שוין אין שול...

אוי אוי די יוך לויפט! – חאַפּט זיך ראַשע און פליהט אין קיך אַריין.

אָבּפוצענדיג די שיך און דעם אויבּערמאַנט'ל, געהט ער לכתחלה ניט מיט אַ כיון צו צום פענסטער, און קוקט נייגיעריג אַריין אין פאַן פיש: אויבּען אויף ליעגט אַנ'אָבּגעקאָכט פענכער'ל מיט אַ שטיקעל רויגען.

– אַ בּריה אַ ווייבּ'ל בּלעבּען! – זאָגט ער אַ חאַפּטהונדיג דאָס פענכער'ל מיט דאָס שטיקעל רויגען צוזאַמען.

– וואָס צופּסטו דאָרטען? כ'וועל מיך שעמען אין סוכה צו דערלאַנגען, נ'-סאַרע טרפה האַלז! – שרייט ראַשע די טהיר עפענענדיג.

– דאָס פענכער'ל ראַשע, דאָס פענכער'ל!

– ווען וועסטו שוין געהן אין שול!

– אַט שוין! – זאָגט יונה, טהוט אָן דעם אויבּער-ציעהער, ניט אַהאַ פון פאַליצע דאָס מחזור'ל און לויפט אַרויס.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

– ווי דערלעבט מען שוין צו זעהן שרה'לען! –קלערט ראשע, – ערב יום-טוב אזוי שפעט קומען פון דער נעהטארין! יונה, יונה איס'ן אוינ! אזוי זיך ניט צו אײַלען!... מ'דארף באלד אראבטראגען די ליכט אין סוכה... און זי איז נאך אלץ ניטא! אליין ארײַנטראגען די ליכט אין סוכה האט קײן פנים ניט... א! דעם בעכער דארף מען אבשײַערן, ווי וועט עס אויסזעהן?!

אין א פאר מינוט קומט שרה'לע.

שרה'לע, יונה'ס א שוועסטער א זעכצעהן-יעהריגע פלינקע שווארץ-האריג מײדעל מיט טיפע שווארצע אויגען אין וועלכע עס ברענען תמיד צוויי דונקעלע נר-תמיד'לעך.

– טײַערע! ליעבע! האפט איהר חאשע ארום, – לויף גיכער אראב אין מאגאפאל נאך א האלב פלעשעל אקעוויט, נא דיר קלײַנגעלד...

– גיעב נאר א קוק ראשע, ווי געפעלט דיר דער פאס? איך רעכען אז צו מײַן בארדא-טאליע וועט עס ניט זײַן שלעכט?

– שען ווי די וועלט! בײַ וועמען האסטו עס געקויפט?

– בײַ שפרה'ן, כ'האב בײַ איהר אפילו געזעהן נאך א שענערען, ס'הײַסט פונקט אזא, נאר מיט בלויע קארעלעך, בעפוצט פון אונטען מיט א פראנצוזסקען שלײַף, נאר זי הײַסט זיך גוט בעצאהלען...

– א דאגה, מ'דארף ניט שענער ווי דער! – גיכער שרה'לע – אקוויט! און אגב האב איך געוואלט דו זאלסט פארבײַלויפענדיג זיך ארײַנחאפען אין קרעמ'ל נאך פיער סטערינאווע ליכט, וועסט מיר זײַ טאקע באלד אראבטראגען אין סוכה.

---

ר' דוד האט הײַנטיגען מאל זײַן סוכה געמאכט גרויסארטיג. אלע וועגטלעך אויסגעהאנגען מיט זײַנע שענע בעט-קאלדרעס, וואס ער האט געקויפט נאך (ניט הײַנט געדאכט...) אין ווארשא זײַענדיג; ארום א לאנגען ווײַס-בעדעקטען טיש שטעהען זײַנע סאלאווע שטולען, וואס ער האט אבגעקויפט פון דער „זאיענצע", וואס ס'איז געוועזן בײַ ליפע דעם דארען; צוויי ניט קײַן שפארע יום-טוב'דיגע חלות פאר ר' דוד'ס כבוד ווענען, און נאך צוויי פאר זײַן אײַדים; א פלאש ווײַן, שנאפס, האניג און די ווײַטערדיגע סינים, איז אזוי שען צושטעלט, אזש ס'פערנעהמט אנ'אויג,

היינט די פיער פאר זילבערנע לייכטער פערלייכטען דעם גאנצען טיש! אין סוכה איז ליכטיג. און עפּעס א ווארימע קיהלקייט שפּאַצירט אונטער דעם נישט זילבער'ן סכך'נעם דעכעל אַזוי בנעימות'דיג, אַזוי יודיש...

חנה, א נישקשה'דיג דיקע יודענע מיט א דרייפאַכיגען גודער און אנ'אֶמת װאָלענע קאָפּטע מיט אַסך פאַלבען, וואָס זענען בעזעצט מיט פערלמוטענע קנעפּלעך, בענשט ליכט אויף די זילבערנע לייכטער, אויפהויבענדיג די הענד צום פּנים וויזען זיך אויף זיי א זעקס זיבען בראָרעווקעס; ראשע יונה'ס אַנגעטהון אין א ווייסע בלוזקע מיט קרייזלעך, שטעהט אין טירעל פון סוכה און װאַרט ביז חנה ר' דוד'ס ווײַט אָב־בענשען ליכט, זעהענדיג ווי קליין, ווי אָרים עס זעהען אוים איהרע צוויי פערזילבערטע לייכטערלעך אַנטקעגען חנה'ס, פאַלט זי ביי זיך אַביס'ל אראָב... און לאָזט צו זיך אוים דעם בעם פאַר די חלות: „ס'טייטש, לייכטער ווי לייכטער... אָבער חלות האָב איך דאָך אויך געקענט באַקען גרעסערע, עס זאָל ניט האָבען אַזאַ קבצנ'ישען אויסזעהן!"...

---

אַז יונה איז געקומען פון שוהל האָט ער מיט א כיון איבערגעקוקט דעם קידוש כדי ער זאָל ניט האָבען אין סוכה קיין טעות. לכתחלה האָט ער אין הארצען געקלערט זאָגען פון אויסוועניג... אַריינקומענדיג אָבער אין סוכה און דערזעהענדיג ר' דוד'ן אין „יום־טוב'דיגען", מאַכט קידוש מיט א יום־טוב, בעל־הבית'ישען ניגון, האָט ער מורא געקראָגען און האָט אייגעראָרעוימט שרה'לען: „טראָג מיר אַריין דעם סידור". ר' דוד'ס סידור, וואָס ס'איז געלעגען אויפ'ן טיש האָט ער זיך געמאַכט ווי ניט זעהענדיג... אין א פרעמדען סידור קען ער א לאַנגע צייט אָבזוכען דעם קידוש און ערשט ניט געפינען, ביי זיך, ווייס ער, אַז נאָך „שלום־עליכם" געהט: אשת־חיל" און נאָכדעם גלייך קידוש. ראַשען האָט דאָס ניט וועניג פערדראָסען...

— קראַנק איז ער צו זאָגען פון אויסוועניג! וואָס פאַר א פנים האָט עס אין סידור!...

אין מיט'ן קידוש האָט זיך יונה'ן פאַרוואָלט חאַפּען ר' דוד'ס קידוש־ניגונ'דעל, ער האָט ניט געקענט ביי זיך פּועל'ן, גלאַט אַזוי, וואָכעדיג אָבזאָגען דעם קידוש,

און אַט־אָט דאַכט זיך האָט ער שוין געכאַפּט דעם קנײטש פֿונ'ם ניגון, נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט ער אין דעם מאָמענט אָנ־געוואָרען די שורה וואו ער האָט געהאַלטען, אז ער וואָלט האַלטען קאָפּ, וואָלט ער זי תיכּף אָבגעזוכט, נאָר יונה איז באַלד געוואָרען רויט, דאָס גאַנצע בּלוט איז איהם אין פּנים אַרײַנגעקו־מען, און האָט זיך צוטומעלט. די אותיות האָבען אָנגעהויבען משונה'דיג צו שפּרינגען, אַ פֿערצווייפֿעלטער האָט ער אָנגעהויבען צו טײַטלען מיט די פֿינגער איבּער'ן קידוש, מײַנענדיג אַז די גאַנצע סוכּה קעהרט זיך איבער אויף זײַן קאָפּ... בײַ ראַשען האָבען זיך געבּי־טען די קאָליאָרען אין פּנים פֿאַר חרפּה.

ווי יונה איז אַרויס פֿון סוכּה זיך וואַשען עסען, האָט זי געכאַפּט אויסקיהלען אויף איהם דאָס האַרץ.

— אַזאַ יאָהר זאָלסטו האָבען וואָס פֿאַר אַ קידוש דו האָסט געמאַכט!

— גולם, נעהסט אַוועק! — האָט יונה פֿערדראָסיג אַ זאָג געטהון און אַרײַן אין סוכּה.

ווי ראַשען איז געווען שלעכט, יונה'ן איז געווען נאָך ערגער! איידער ער האָט געפּטר'ט המוציא, לחיים, אַ טונק אין האָניג, האָט איהם אַ שוויים בּעגאָסען... אין שטוב קומט עפּעס די בּרכה המוציא אויס קירצער... און די חלה גליטשט זיך ניט אַרויס פֿון האַנד... נאָר דאָס אַלץ איז נאָך גאָרניט געגען דער קאָפּ פֿיש. אַז יונה האָט דאָס איבּערגעלעבּט איז ער ניט יונה!

יונה איז זיך נוהג מיט אַ קאָפּ זיך ניט אײַלען... און אַז מ'וועט אַקערען אין דעם קאָפּ וואָס יונה האָט אויף איהם געהאָ־רעוועט, וועט מען ניט געפֿינען ניט איין אויסגעצווינגען בּײַנ־דעלע... ווען ער גאַרט אַ קאָפּ איז ער בּדעה זיך מיט יעדען אײנ־ציגען וועטען: אַליין איין־איינציגער אַנ'עצה געבען זיך מיט'ן לויתן בּשעת משיח וועט קומען. יונה פֿלעגט אָפּטמאָל בּעדויער'ן, וואָס דער גאַנצער פֿיש איז ניט בּלויז „קאָפּ"... און יעצט נאַ „אַ קאָפּ", טאַקי אויף צו להכעיס אַ „מאַרך־קאָפּ"! נעה עס, עס מיט אַ גאָפּעל! אַ פֿינגער'ל האָט זיך עטליכע מאָל אַ שטופּ געטהון אין טעלער'ל און האָט געוואָלט מאַכען אַנ'עק צו אַלע צרות... נאָר דאָס פֿינ־גער'ל, רחמנא ליצלן, פֿלעגט זיך בּאַלד אונטערבּויגען דערמאָנ־ענדיג אַז מ'זיצט אין סוכּה, בּחברת ר' דוד און זײַן איידעם.

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

גראבלענדיג מיט'ן נאפ'ל אין פיש וואונדערט ער זיך: „ליעבער גאט! ווי מענשען קענען דאס ניט עסען קיין פיש... די זעלבע יסורים האט ער געהאט מיט'ן חלק פלייש, אמערסטען מיט דער געגזועגער „פאפערקע".

די לאקשען מיט'ן בארענציטעס און דער בענשען זענען געגאנגען ווי א מזמור, אין בענשען האט ער אפילו אביסעל געפושערט, נאר ס'איז געבליעבען בלא יודעים...—

אז יונה איז אריין אין שטוב איז ער געוועזען א בעל'ן נאך־צופרעגען זיך וועגען דעם רעשט פון קאפ און די מארך־ביינדעלע, נאר אזוי ווי ראשע איז געוועזען א פארברוגז'טע האט ער זי פריהער געוואלט איבערבעטען...

ער זעצט זיך אויף א שטול ניט ווייט פון ראשען.

און שרה'לע זיצט און לעזט אויפ'ן קול א מעשה־ביכעל, ראשע הערט זיך איין:

— „און שטיל איז געוועזען —, לעזט שרה'לע, און די שווארצע אויגען לויפען „פיבעריש" איבער'ן ביכעל, — און די שטילקייט האט געהערט איהר אטהעם... און עס האבען ביי איהם געברענט די ליפען, און אין די אויגען האבען ארומגעטאנצט פארשכור'טע פייערלעך, און ער נעמט זי ארום, שטארק... שטארק... און ער קושט"...

און יונה שטעהט אויף פון שטוהל, אין די אויגען טאנצען איהם פערשכור'טע פייערלעך, און ער נעמט ארום ראשען שטארק, שטארק... און ער קושט זי —

— יונה!

— אלץ צוליעב דער סוכה! —, ענטפערט יונה און ס'פערקלעמט איהם אין הארצען...

שרה'לע לעזט ניט — שרה'לע קוקט א וועק...

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

IV

# די זון פערגעהט אין פלאמען

## א דראמאטישע פאָעמא אין 1 אקט.

געשפּיעלט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין לאָדז. 1908

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# פערזאָנען

גיט׳ל

צלה איהר טאָכטער

זעלדע א שכנה

| | | |
|---|---|---|
| שלמה | א סטודענט | איהרע קינדער |
| פערל | | |
| לייבל | | |
| סרוליק | | |
| פעשקע | | |

• „ער" סימבאָלישע ערשיינונג

• „זיין קול" אונטער דער סצענע

Digitized by Google

Original from CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

# די סצענע.

צלה'ס צימער. רעכטס א ראָיאַל, ד'נעבען א שטול. אין הינטערגרונד, דעם טאָפּלער געגענאיבער א טהיר פון די פראָנט-טרעפּ; ביי דער לינקער וואנד א קליין געשיקט קאַ-נאַפּקעלע. נעבען איהר א קליין רונד טישעל; אויפ'ן טישעל א לייכטער אין וועלכען עס שטעקט א דונקעל-פארביגעס ליכט. אין דער לינקער וואנד, נאָהענט פון דער אוואנס-סצענע, א טיר אין עס-צימער. געגענאיבער אין דער רעכטער וואנד צוויי פענסטער אין גאס ארויס, טיעפערע אין דער זעלבע וואנד טירען צום באלקאָן. זיי זענען פערהאנגען מיט דונקעלע שווערע פארטיערען. די ווענד זענען בעהאנגען מיט פאנטאס-טישע טרויעריגע בילדער, מיט לעוויטאנ'ס ווייטע מעלאנכאָ-לישע לאנדשאפטען. דאס מעבעל איז פון דונקעלען פליוש. דאס גאנצע צימער'ל טראָגט אויף זיך א שטעמפּעל פון א רוהי-גען זיסען טרויער. ס'איז צו דערקענען, אז א טרויעריגע נשמה וואָרגט פאר דעם איינזאַמען פונ'ם צימער. פאר נאכט. דאס צימער איז דונקעל בעלויכטען די גאנצע צייט ביז דאס ליכט ווערט אנגעצונדען.

---

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

צלה (זיצט בײַ׳ם אָפֿענעם ראָיאַל, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויף די הענד).

(לאַנגע פּויזע).

זײַן קול. (קומט פֿון לינק׳ס, אונטער די פּאַרטיערען) אָ...—

צלה (הייבט מיט א ליַכטען ציטער אויף דעם קאָפּ)?

זײַן קול. אָ...—

צלה. (שטעהט אויף פֿון שטוהל, געהט עטליכע מאל אונרוהיג הין און צוריק איבערן צימער, נעמט אַנטהון דאָס היטעלע).

זײַן קול. אָ...—

צלה. (הערט, ענטפֿערט מיט א טאָן העכער) אָ...— (עפֿענט האַלב אויף די טהיר אין עסצימער, רופֿט) מאַמע, — איך קום באַלד צוריק (אַב דורך דער טהיר אין הינטער-גרונד, אין גאַס אַרויס).

גיטל. (קומט אַרײַן פֿון עסצימער שטריקענדיג א זאָק. קוקט נאָך דער טאָכטער, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, קראַצט פֿון שטומען צער; קוקט זיך דערנאָך אַרום אין צימער, געהט צו צום ראָיאַל, ווישט אַביסעל דורך, מאַכט׳ן צו).

צלה. (קומט צוריק, זוכט עפּעס אַרום אין צימער).

גיטל. וואָס זוכסטו, צלה׳ניו?

צלה. (זוכענדיג). איך זוך... איך זוך... איך דאַרף עפּעס געפֿינען מאַמע...

גיטל. וואָס צלה׳ניו?

צלה. איך ווײס אַלײן ניט וואָס... מיר דאַכט זיך: איך האָב עס געהאַט און האָב עס פֿערלוירען —

גיטל. וואָס האָסטו פֿערלוירען, טאָכטער מײַנע?..

צלה. איך זוך עס אַרום...

גיטל. צלה׳ניו...

צלה. (ווענדעט זיך פּלוצלונג צו דער מוטער) מאַמע... איך האָב עס נאָך קײנמאָל ניט געהאַט און איך זוך עס... (געהט צום טיר).

גיטל. וואו געהסטו צלה?

צלה. (בלײַבט שטעהן בײַ׳ם טיר) איך האָב ניט וואו צו געהן, מאַמע...

גיטל. געה גאָר אַרײַן צו די גאַרדאָנ׳ס — זײַ זענען שוין אויף דיר ברוגז, צלה׳ניו, וואָס דו קומסט צו זײַ ניט...

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

צלה. (מאכט אנ׳אונצופרידענע מינע).

גיטל. פאר וואס טאכטערשי... וואוילע מענשען... דער זהן – א ניט נעה אריין צו חוה׳לען! זי איז נעכטען דא געוועזען מיט׳ן ברודער, און האבען דיך ניט געטראפען –

צלה. (טראכט) צו חוה׳לען?.. (אונצופרידען) ע! ...

גיטל. די זאלקינד׳ס האבען דיך געלאזט גריסען און, געבעטען –

צלה. (בעוועגט אונאנגענעהם מיט די אקסלען).

גיטל. ווארט אויף אביסל, צלה׳ניו... באלד קומט ער שוין, אונזער ליעבער שכן!..

צלה. (פלוצלונג, דורך א נייעם געדאנק איבערגעריסען) ניין, ניין, מאמע... איך ווייס שוין וואו צו געהן! ס׳עט מיך ציעהען אהין... דורך אלע גאסען וועט עס מיך אהינציהען... פארוואס האסטו פערמאכט דעם קלאוויר? ... (עפנט׳ן אויף).

גיטל. געהסט דאך אוועק, צלה׳ניו...

צלה. זאל ער אפען זיין... מיר דאכט זיך, מאמע, אז עמיץ בלייבט דא ווען איך געה אוועק און שפיעלט... שפיעלט...

גיטל. ווער בלייבט?

צלה. עמיץ...

גיטל. רעדסט נארישקייט, צלה׳ניו... קיינער קומט דא ניט אריין... קיינער שפיעלט ניט.

צלה. ער קומט און שפיעלט... זאל אפען זיין, מאמע, דער קלאוויר (אב).

גיטל. (קוקט אויף די ווייסע קלאווישען) זאל אפען זיין... אח, אח, אח! ... (פויזע).

זעלדע. (קומט אריין פון דער פראנט־טהיר). איהר זיצט נאר דא, גיטעלע?!

גיטל. זיצט, זעלדע, א נפקא־מינה וואו מע שטריקט די זאק ...

זעלדע. וואויל אייך, גיטעלע, וואויל אייך! ... איך האב אויך ביי מיר אנ׳אויפגעפוצטען צימער, איהר ווייסט דאך... מיין הערש האט נאך די וואך איינגעקויפט צוויי וואזאנעס... איך קאן מיך אבער ניט ארויסרייסען פון קיך אויף איין מינוט!... 8, איז ניט איינע... וואס מאכט זי, צלה׳ניו?

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

גיטל. זי איז ערשט ארויס...

זעלדע. וואַ־וואַ... דאָס יונגוואַרג — נאָר אין דרויסען ציהט זײַ... איך מיט אײַך גיטל, זענען שוין די אַלטע... מ'פערשפּאַרט אונז אין די שטובען — אין שוין!... בײַ זײַ, בײַ די גוים אין אונזערע יאָהרען פּוצט מען זיך, מ'וויל נאָך געפעלען... איהר ווערט עקסטראַ זעהן — איך בין אויף אַ ווײַלע אַרויס פון שטוב... איהר ווערט עקסטרע זעהן — מ'עט נאָך מיר באַלד אָנהויבען שיקען די שלוחים... מ'קאָן מײַנען: איך האָב זײַ אַלעמען געלאָזען אין די ווינקעלעך...

גיטל. קײַן עין־הרע, איהר האָט פון אַלץ — אין בעטען און אין ווינקעלעך...

זעלדע. זאָלען זײַ געזונד און שטאַרק זײַן! איך האָב אויף זײַ ניט געבעטען; זענען זײַ אָבער געקומען אויף דער ווײַסער וועלט, זאָלען זײַ זײַן מיט לאַנגע יאָהר... פון גרויסען מײַנעם האָב איך נחת —

גיטל. פינ'ם סטודענט?

זעלדע. וואָס רעדט איהר?! ער איז דאָך בײַ זײַ, דאָרט, — בײַ די פּראָפעסאָרען בעליעבט ווי אַ'אײגען קינד; ער אַלײן דערצעהלט מיר נישט, פון אַנדערע דערוויס איך מיך... הײַנט אַ מאַמע — וואָוואַ... און זײַן שרײַבען — עפּעס גלײַבט מען איהם מיט עמיצ'ן — ווער ווײס זײַ... איך האָב מיך עקסטראַ נאָכגעפרעגט, האָט מען מיר געזאָגט: עפּעס... (פערהאַקט זיך) ווער קען עס געדײנקען זײַערע נעמען...

גיטל. אַ געראָטענער טאַקי, אײַער עלטערער...

זעלדע. יאָ... יאָ... דער מאַמען איז דערפון נאַרניט... די באָבע האָט דערפון ניט! ער רעדט ס'מאָל מיט מיר קײנמאָל קײן וואָרט ניט אויס און ל'זעה איהם ניט גאַנצע טעג פאַר די אויגען... בײַ אײַך גיטעלע, נעפינט ער זיך מעהר ווי אין דער הײם... געזונד זאָלט איהר מיר זײַן, אַנדערש ווי מוהמע רופט ער דאָך אײַך ניט... די מוהמע! די מוהמע גיטל!

גיטל. גלײבט מיר, זעלדע —

זעלדע. וואָס רעדט איהר, גיטעלע?! איהר קענט אודאי מײַנען: איך רײד אײַך אויס. אָח, אָח... עס זאָל אײַך אויסלבעט

גאָר ניט איינפאַלען... מיר מעג נאָך אָנפּאַסען!... אדרבה, צלה'ניו איז אַנ'איידעל קינד —

**פּערל.** (רוקט אריין א קאָפּ אין דער געעפענטער פראָנט־טהיר) מאַמע, ביסט דאָ?

**זעלדע.** איהר זעהט, גיטעלע, קאָן איך אַרויסגעהן? (צו פּערלען) איך בין דאָ! וואָס איז?

**פּערל.** קום אַהיים, די קאָטלעטען האָבען אַביסיל צוגעסמאַליעט...

**זעלדע.** פערסמאַליעט זאָלסטו ניט ווערען!

**פּערל'ס** (קאָפּ פערשווינדט).

**זעלדע.** אַט זעהט איהר! דאָס בלויע היטעלע ווען שוין די קאָטלעטען ניט עסען... נאָר עפּעס — שאַרט ער פון זיך אוועק דעם טעלער... אייער צלה'ניו. אַודאי אויך אַ קלייבער'ן אין עסען?

**גיטל.** אין עסען און, אין אַלעם...

**זעלדע...** מיין זוהן זעהט איהר, איז ניטאָ וואָס צו בראַקירען, ביי די פּראָפעסאָרען און אומעדום... און חאָטש צלה'ניו איז צלה'ניו און חאָטש איהר גיעט אייערע טויזענדער —

**גיטל.** גאָט איז מיט אייך — זעלדע — אדרבא, מיין טאָכטער פערברענגט מיט איהם... און איך —... איך קוק נאָר אויס — אָה (ענדיגט מיט א שטילען זיפץ).

**זעלדע** (קוקט אויף איהר און פערשטעהט איהר) וואָס אַרט אייך —

**לייבל.** (רוקט אריין א קאָפּ) מאַמע?

**זעלדע.** זעהט, זעהט, זעהט ווי מ'לאָזט ניט אָבעטהמען (לייבלען) וואָס ווילסטו?!

**לייבל.** קום אַ היים, פּערל האָט אויסגעמישט דעם קרופּניק מיט דעם קאָכלעפיל וואָס איז געלעגען נעבען דעם נאַפט...

**זעלדע.** לאַנג לעבען זאָלט איהר, גיטעלע... וואָס זאָגט איהר ניט צו מיינע צרות... (צו לייבלען) גערה, גערה, שלאָגט זיך דאָרט אַלע קאָפּ אָן וואַנד!

**לייבל'ס** (קאָפּ ווערט פערשוואונדען).

**זעלדע.** ער וועט דעם קרופּניק אויך ניט עסען... נו אַ לעבען! יע, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען: ענטקעגען דעם

וואס איהר האט מורא... וואס ארט אייך! מיין הערש זאגט אז איך בין א קלוגע... ס'וועט זיין! צלה'ניו – קיין עין-הרע – אז ער קומט ארויף פון דאנען איז ער צעיאלמעט... צלה'ניו קיין עין-הרע –

גיטל. יא, צלה'ניו...

זעלדע. און מיינער איז אויך, קיין עין-הרע – ביי די פראפעסארען –

סרוליק. (רוקט אריין א קאפ) מאמע?

זעלדע. אט האט איהר! ניט אויסצוהאלטען פון זיי...

סרוליק. חנה'לי האט דאס גאנצע ווייכע פונ'ם ברויט ארויסגעגראבעלט...

זעלדע. גאה, גאה! גראבלען זאל מען אייך – טאטע פאטער!

סרוליק. (אב).

זעלדע. מיט קינדער וואס האלטען ערשט אין אויפוואקסען וועט איהר גארניש מאכען! מיט צעהן קעפ אז איהר זאלט זיין וועט איהר דעם ברויט ניט בעהאלטען פון אזא חנה'לען... ז'וועט'ן געפינען און אויסקאלופען מיט די קליינע פינגערלעך דאס גאנצע ווייכע... וויפיעל מאל, מיינט איהר, האט מיר שוין מיין סטודענט אויסגערעדט פאר אזא ברויט? נאר ניט דאס בין איך אויסען... וועגען וואס האב איך עס פריהער געזאגט... יע... טאקי וועגען מיינעם... אז ער קומט ארויף פון דאנען – איז העט, העט – די מוהמע גיטל! די מוהמע גיטל!

גיטל. (שמייכל) די מוהמע גיטל...

זעלדע. אין זיינע „מוהמע-גיטל'ס" איז נאך עפעס בעהאלטען... רופען רופט ער דער שוויגער און מיינען מיינט ער דער טאכטער...

גיטל. (גלויבט ניט, טרויעריג) אי, זעלדע, זעלדע...

זעלדע. אביסל טאקי איז ער צו אייך צוגעבונדען... וואס אנ'אכה-איז אנ'אמת: איהר זייט גיטעלע, א קלעפעדיגע... וואס דארפט איהר מעהר: פאר איאהרען האבען מיר געהאט א קווארטיראנט, אין מיין שלמה'ס יאהרען, ל'ווייס, א שנעק... איז זיין גאנצער פערברייגען געווען מיט מיר... א מארנער בחור, ער פלעגט אלין זאגען אז איך בין א קלעפעדיגע...

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

גיטל. וואס מיינט איהר?

זעלדע. (שמייכעלט אויך) און טאקי אזוי!... כאשר מיר לאזען זיך אב, גיטעלע, מיר זאלען אבער וועלען, קענען מיר נאך פערדרעהען צעהן בחורישלעס די קעפ... גיכער ווי די יונגיטשקע... פעריל מיינע, אז זי קלייבט זיך אין גאס אריין, ווייסט איהר דאך, וואס פאר א סדרה ס'הויבט זיך אן: היטעלעך און הענטשקעלעך און פאסקעס און שפילקעס און וואזאלקעס אין נאך א שמאלטע און נאך – אין גאס זאמט זי זיך אב וויפיעל זי וויל אליין... און קומט אראב א היים אהן הענד און אהן פים... מיעד און צעבראכען... ס'איז מיר אנ'אמת'ר רחמנות אויף דעם מיידיל... איהר מעגט הערען וואס איך האב איהר היינטיגע וואך געזאגט, מיין הערשען איז עס זעהר געפעלען געווארען: זי שטעהט אין שפיגעל און ס'געפעלט איהר ניט ווי איך פערבינד איהר אונטען דעם שלייף... — דיר געפעלט ניט, טאכטער, זאג איך, מיר געפעלט אויך ניט... ס'קאסט נאר געלד און צייט... און – נארניט!... דו גיעב מיר אט א די שמאלטעס און לאז מיך מיט זיי אויף א שעה אין גאס... וועסטו זעהן אויב איך וועל ניט ברענגען א גאנצע טוץ בחורים אהיים, איינער שענער און בעסער פאר'ן אנדער'ן... וואס רעדט איהר, גיטעלע, דער אלטער מיינער האט זיך געהאלטען פאר די זייטען לאכענדיג.

פעשקע. (רוקט אריין דעם קאפ) מאמע –

זעלדע. נו זעהט, זעהט, ווי זיי לאזען ניט אבעטעמען! – (דרעהט אויס דעם קאפ צו פעשקען) וואס ווילסטו?

פעשקע. קום א היים...

זעלדע. וואס איז שוין דארט?

פעשקע. קום אהיים!

זעלדע. וואס איז שוין ווידער?

פעשקע. יאסעלע האט זיך –

זעלדע. אי-אי-אי... נעמט גיכער א שמאטקעלע... און עפענט אויף די פענסטער... גיכער אבער...

פעשקע'ס (קאפ פערשווינדט).

זעלדע. נו געהט מאכט עפעס! א פיציל, אז עס פערדארבט זיך... אזוי — פערשטעהט עס און בעט זיך... ער וועט קומען און וועט מאכען מינעס. אייך מעג איך דאך דערצעהלען: דאס

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

איז די איידעלקייט אליין... אין א שטוב, צווישען קליינע קינדער, טרעפט אמאל... קען ער ניט איינזיצען, ס'הויבט איהם פֿון ארט —

שלמה. (קומט אריין פֿון פֿראנט אין א סטודענטען-קאסטיום).

זעלדע. (מיינט אז נאך ווער פֿון די קליינוואַרג קומט איהר רופֿען) נו, זעהט, זעהט — (דערזעהט איהם) אח, מיין גרויסער נאר!... אוודאי אויך נאך מיר?!.. (הויבט זיך אויף).

שלמה. (מעהר געווענדט צו גיטל'ן) גוט נ'אָווענד!

גיטל. (צוזאמען מיט זעלדען). גוט נאָווענד! גוט נאָווענד!

שלמה. (מיט א לייכטען שמייכעל). ביסט מעהר אונטען ווי אויבען, מאמע...

זעלדע. האָב ניט קיין מורא... דיינע ברידערלעך און דיינע שוועסטערלעך לאָזען דען איינזיצען?...

שלמה. מ'האט ליעב דער מאמעס פֿארטוך! —

זעלדע. מאכי נאר דעם פֿארטוך... אי קינדער, קינדער! כל־זמן מ'איז קליין — קען מען זיך אהן דעם ניט בעגעהן; ווערט מען גרעסער — זוכט מען זיך וואס בעסער...

שלמה. (אונצופֿריעדען) מאמע...

זעלדע. (מיט א הייטערע שמייכעלע, קוקענדיג אויף גיטל'ען). צלה'ניו האט זיך אויף דיר ניט געקאָנט דערווארטען און איז אליין אוועק שפּאצירען...

שלמה. מאמע!...

זעלדע. נו־נו... א גוטע נאכט!... (אב).

שלמה. (געהט זיך עטליכע מאל דורך לאנגזאם הין און צוריק איבער'ן צימער; בלייבט שטעהן פֿאר גיטלען, קוקט ווי זי שטריקט) איהר שטריקט עס א פֿרישע פּאר?...

גיטל. א פֿרישע פּאר, שלמה... היינט אנגעהויבען —

שלמה. און היינט ענדיגען —

גיטל. איך זאל זיצען מיט דיר און פֿערשטעסען זיך ווי נעכטען — ענדיג איך זיי היינט —

שלמה. איהר וועט מיך שטארק בעטען — זיץ איך היינט אויך מיט אייך —

גיטל. אי, שלמה, שלמה, די מאמע דיינע איז אויף דיר ברוגז —

שלמה. נו... נו... איך זיץ מיט אייך!... (זעצט זיך).

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

גיטל. און זי? (ווײַזט אויפ׳ן ראָיאל).

שלמה. מ׳דאַרף אַ מענש ניט שטערען ויען ער וויל אַליין זײַן.

גיטל. וועה, וועה... (טרויעריג) אַליין זײַן! איך אין איהרע יאָהרען האָב געוואוסט פון אַליין זײַן... (פויזע) איך בין אויף דיר ברוגז, שלמה!

שלמה. אויף מיר?

גיטל. יונגע קינדער —

שלמה. מוהמע —

גיטל. יונגע קינדער דאַרפען זיך געפעלען...

שלמה. מוהמע!

גיטל (גוטמוטיג). געה, ביסט אַ שלימזלניק... קוםסט און זיצט אָב יעדען אָוועגד — און גאָרניששט... עה... ל׳געדענק: איך מיט מײַן מאיר׳ן עליו השלום —

שלמה. אײַער מאַנן —

גיטל. וואָס מאַנן, ווען מאַנן! נאָך קײַן חתן־כלה ניט געוועזן...

שלמה. (פערבאָרגט דאָס געזיכט אין זײַנע הענד).

גיטל. (שטריקט). וואָס ווייסטו... — שפּעטער ערשט האָבען מיר חתונה געהאַט...

שלמה. (וואַרם, שטיל) מוהמע... מוהמע...

גיטל. מיר האָבען חתונה געהאַט! ווער עס ווײַס ניט וויפיעל דער טאַטע מײַנער האָט ניט געוואָלט... אַ לעהרער איז ער דאָך דאַמאָלס געוועזן... אַ בלאַס בחור׳ל מיט קנײַטשען אין שטערן... איך בין שוין געוועזן אַ זיעבצעהן־יעהריג מיידעל, האָב גוט געשריבען — פאַלט איהם אַ מאָל אײַן: איך האַלט ניט גוט די פעדער —

שלמה. אײַער מאיר?...

גיטל. מײַן לעהרער. — איך געדענק נאָך ווי היינט, איך בין געזעסען איבער׳ן העפט, אַ דיקטאַנט האָבען מיר דעמאָלט געמאַכט, ער, אָנשטאָדט — דיקטירען מיר, טשעפּעט זיך אַלץ צו מײַן האַנד: „ווי האַלט איהר די פעדער!“ „ווי האַלט איהר די פעדער!“... איך ווער רויט און ווײַס ניט וואָס ער וויל פון מיר האָבען, ביז איך גיעב אויף איהם אַזוי אַ קוק — פון דער זײַט... איך בין אויך געוועזן אַ גוטע סחורה!.. איך גיעב אַזוי אַ קוק —

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

און ווייס שוין אלץ... ער האט טאקי ליכטיגע אויגען געהאט... און אנגעהויבען האט זיך עס פון דער האנד, יעדען פינגער בעזונדער געשלעפט צו די ליפען... דערנאך וואס ער האט אלץ איבערגעטהון מיט מיינע האר... עס פלעגט מיר נאר וואונדערן: פון וואנען קען ער עס? פון מיינע צוויי צעפ פלעגט ער אויספלעכטען אמאל פינף, אמאל זעקס צעפ, און אין יעדען צאפ איינפלעכטען צו עטליכע צעהנדליג קושען, זיי זענען טאקי שווער געווען... דערנאך — כווא... נעהמען דערצעהלען וואס דער מענש האט פערפיהרט... — זעהסטו — וואס ער האט מיר אויסגעלערנט — אויף צעהן קעפלעך קרויט געזאגט געווארען!

שלמה. איהר זענט געווען א וואוילע —

גיטל. וואס וואוילע! א מיידעל ווי אלע מיידלעך! און היינט ווילסטו מיט מיר נישט פערברענגען?

שלמה. איך וויל! איך וויל! (חאפט איהר קושען די הענד).

גיטל. היט זיך שלמה׳קלי, די שפיזלען — וואס ווייסטו... וואס ווייסטו... כזאל זאגען איך בין געווען א הייסע — נישט אזוי... נאר אז איך פלעג שפירען זיינע ליפען אויף מיינע האר, האט עס מיך אדורכגענומען... דאס גאנצע לייב — עח... עח...

שלמה. איהר בענקט, מוהמעניו —

גיטל. שייך בענקען... נארעלע, ווערט מען עלטער — בענקט זיך אפילו אויך נישט... (הויבט אויף איהם אויף די אויגען) אויף דיר, אויף דיר בין איך ברוגז —!

שלמה. (פערשטעהט איהר) רעדט נישט, מוהמענו...

גיטל. האסט זי נישט גענוג ליעב —

שלמה. (בעהאלט דאס געזיכט אין די הענד).

גיטל. אי נארעלע... נארעלע... זי איז א וואוילע... וואוילער פאר איהר מאמען...

שלמה. איך האב זי ליעב —

גיטל. א שלימזלניק ביסטו... א שרעקעדיגער...

שלמה. (בעט זיך) רעדט ניט אזוי, מוהמע, רעדט ניט אזוי...

גיטל. איינמאל נאר צוגעהן, אנ׳נעהמען איהר פעסט פאר ביידע ארעם און א קוש טהון, א קוש — אויף די ליפען —

שלמה. (בעט זיך) זאגט עס נישט, מוהמע...

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

גיטל. (רעדט ווייטער דאס איהריגע) און שוין! שרעק דיך ניט... שרעק דיך ניט... אויף די קניע וועט זי פאר דיר פאלען, די הענד דיינע קושען... אך, אך, טייערע צלה'ניו מיין... זיסע טאכטער מיינע!...

שלמה. ווי איהר רעדט... ווי איהר רעדט!...

גיטל. (די זאק פאלט איהר פון די הענד, זי כאפט אן שלמה'ן פאר זיינע הענד, בגיט) איך וויל דיר אויך די הענד קושען... מיין שלמה'קלי, מיין קינד...

שלמה. טאטער ליעבט זי מיך נישט... טאטער–

גיטל. דו ווייסט עס נישט... זי ווייסט עס אליין אויך נישט... זי ווארט: עפעס דארף עמיצער קומען... עמיצער דארף שפיעלען...

שלמה. זי האט עס אויך מיר געזאגט: עמיצער דארף קומען, עמיצער דארף שפיעלען...

גיטל. דיר האט זי עס אויך געזאגט–

שלמה. ער דארף שפיעלען וואס ביי איהר הארצען איז, מיט איהר גלייך... אקאמפאנירען איהרע ליעדער דארף ער...

גיטל. וועלכע ליעדער?

שלמה. וואס זי האט נאך נישט געזונגען...

גיטל. אקאמפאניר איהר–

שלמה. איך קען זיי נישט... אט קומט זי, (נעהט צו צום פענסטער, פויזע) אין פענסטער זעה איך זי—

גיטל. (הויבט שנעל אויף דעם זאק, זעצט זיך, שטריקט ווייטער, דעם קאפ אראבגעבויגען, איילענדיג) טהו עס, שלמה– פעסט פאר דעם ארעם און קוש זי, קוש זי... אויף דיין הארצען דריק זי–

שלמה. טהמע!

גיטל. (דער קאפ איז אלץ אראבגעבויגען) טהו עס, טהו עס!

שלמה. וואס זאל איך טהון?!

גיטל. זינג איהר דיינע ליעדער אויב דו קענסט נישט איהרע...

שלמה. איך ווייס אז איהרע זענען שענער...

גיטל. זינג איהר דיינע, דיינע! דיינע ברענגען איהר לעבען!

שלמה. איהרע זענען שענער!

גיטל. זײַ ברענגען זי אום... דײַנע, דײַנע!

שלמה. איך קען ניט!...

צלה. (קומט אַרײַן דורך דער פֿראָנט-טהיר).

גיטל. (שטילער, נאָר שאַרף) זי בלײַבט דאָ דײַנע, און צונאָב קריגסטו גאָלד און זילבער –

שלמה. אַח, מוהמע, מוהמע!..

צלה. (טהוט אויס דאָס היטעלע, לעגט עס אויפ'ן ראָיאַל).

גיטל. וואו ביסטו געוועזען, צלה'ניו?

צלה. איך בין געגאַנגען זעהען ווי די זונן געהט אונטער.

שלמה. ס'איז שען! (ווערט אַביסל פֿערשעמט).

צלה. און טרויעריג...

שלמה. ווי אַמאָל–

צלה. אַלע מאָל!

שלמה. נו!...

צלה. אַלע מאָל!

שלמה. (שטעהט אויף, שמײַכעלט) כּדי מיר זאָלען זיך ניט דאַרפֿען קריגען, געה איך אויף אַ האַלבע שעה נאָר אַרויף אַהײם...

גיטל. האָסט זיך טאַקי דערשראָקען פֿאַר איהר... אי–אי–, און ענטלויפֿסט!

שלמה. (שמײַכעלט) נײַן, איך גיעב מיך נאָך ניט אונטער, מ'וואַרט אָבער דאָרט אויף מיר, אודאי מיט'ן עסען...

גיטל. (הויבט זיך אויף מיט'ן שטריקען) בלײַב דאָ און עס אַביסעלע שפּעטער מיט אונז; אין דער הײם, דאַכט זיך, האָט מיט'ן עסען געטראָפֿען אַ סבה...

שלמה. אַהאַ, די מאַמע האָט שוין דאָ דערצעהלט פֿון איהרע טעפּ-געהײמנים!

גיטל. (שאַרף) בלײַב דאָ שלמה, דו עסט מיט אונז! (געהט צום עסצימער, קעהרט זיך אום האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס) לאָז זיך ניט פֿון איהר!.. (אָב).

צלה. (מיט אַ שמײַכעל). וואָס האָט זי געזאָגט?

שלמה. איהר האָט פֿערהערט?

צלה. נײַן... ענטקעגען וואָס אָבער?

שלמה. (ווי צו זיך) זאָל זי אַזוי האָבען געענדיגט דעם פֿריהעריגען געשפּרעך –?

צלה. (מיט'ן זעלבען שמייכעל) ס'איז דאָ וואָס אָבגערעדט געוואָרען צווישען אייך, ווענען מיר!...

שלמה. צלה!

צלה. ווען נישט איהר — איז די מאַמע; עמיץ פֿון אייך! מיר איז אָבער אַלץ איינ'ס... זאָל זי נאָר נישט אַריינברענגען אַהער די לאָמפּ וועל איך אַלץ בּאַשטעהן, אַלעמען בּאַקומען!... זאָל זי נאָר נישט אַריינברענגען די לאָמפּ!

שלמה. ס'איז שוין דונקעל —

צלה. (האַלב־לויט) אין דער דונקעל איז ער דאָ מיט מיר...

שלמה. דער טרויער —

צלה. דער טרויער — אַה... איהר קענט איהם שוין, שלמה?

שלמה. איך קען איהם נישט —

צלה. איהר קענט איהם ניט... בּאַלד, בּאַלד וועט ער מיך רופֿען —

שלמה. ער וועט אייך רופֿען!

צלה. און איך וועל איהם ענטפֿערען —

שלמה. (אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, פֿאַרשטענדיג איהר מיט זיינע אויגען). איהר וועט איהם ענטפֿערן...

צלה. איך וועל איהם ענטפֿערען — (פּויזע. פּלוצלונג) ער קומט בּאַלד... ער איז שוין נאָהענט... איהר זעהט — ווי ס'ווערט נאָר דונקעלער.

שלמה. (הויבט זיך אויף פֿון קאַנאַפּע).

צלה. בּלייבּט זיצען, שלמה... בּלייבּט דערוויילע זיצען... איך זעה אייך יעצט פּונקט ווי ניט אַזוי דייטליך, — (קוקט אויף איהם פֿון נעבען פֿענסטער) ס'איז אייער ווייסער שטערן!.. נאָר דעם שטערן אַליין... טראָגט זי אָבער אַריין די לאָמפּ, פֿערטרייבּט זי איהם פֿון דאַנען און ווייזט מיר אייער גאַנצעס געזיכט און די וואָנסען אייערע, אייערע בּלאָנדע וואָנסען... „דעם טאַטען עליו־השלום'ס וואָנסען, זאָגט זי, זענען בּיי אייך“... (פּויזע) איך זעה שוין אייער שטערן אויך נישט... אַה, איהר האָט דעם קאָפּ אַראָבּגעבּויגען —

שלמה. (הויבּט אויף דעם קאָפּ שטיל) ער רופֿט אייך שוין?

צלה. נאָך נישט... (בּלייבּט שטעהן נעבען פֿענסטער, ס'פֿאַלען אויף איהר עטליכע דעמערונג־שטראַהלען. פּויזע).

שלמה. (זיין בליק פאלט אויף איהר הוט) איהר קוממ עס פון אונטער׳ן שטארט —

צלה. פון וואנען ווייסט איהר?

שלמה. א זומערפייגעלע איז אייך אויפ׳ן הוט איינגעשלאפען... (הויבט זיך אויף, געהט צו צום ראיאל).

צלה. איך האב ניט געשפירט ווי ס׳האט זיך מיר אויפ׳ן קאפ געזעצט, ריהרט עס ניט, שלמה...

שלמה. זאל עס פליהען! (ריהרט עס אויפ׳ן הוט).

צלה. ס׳איז געשלאפען?

שלמה. יעצט פליהט עס! (הויבט אויף דעם קאפ, און קוקט עס נאך) יעצט פליהט עס!

צלה. איך זעה עס ניט.

שלמה. עס פליהט, עס פליהט!

צלה. איך זעה׳ס ניט.

שלמה. ס׳איז א ווייס זומער פייגעלע ווי פון דער לְבָנָה אויסגעשניטען.

צלה. איך זעה עס ניט.

שלמה. (קוקט איהר אן) ביי אייך איז נאך די זונן אין די אויגען —

צלה. די פערגאנגענע זונן?

שלמה. (טריקען, לאנגזאם א זילבע נאך א זילבע) די פער־גאנ־גע־נע —

צלה. ווי זעהט זי אויס?

שלמה. זי גליהט...

צלה. און וויל ניט פערלעשען —? (פויזע).

שלמה. (בלייבט גענגען איהר, פערטראכט).

צלה. אונטער׳ן שטארט האב איך געזעהן ווי די זונן געהט אונטער. מיט׳ן לעצטען שטראהל האב איך מיך געזעגענט... שטום האט זיך דער לעצטער שטראהל מיר אויף די ברוסט גע־לייגט, האט זיך מעהר צום מערב ניט געקענט צוריקציהען און איז מיר אויף דער ברוסט אויסגעגאנגען...

שלמה. קוקט אויף איהר מיט וואונדער און ענטציקונג). זי גליהט נאך —

צלה. און וויל נישט פערלעשען! — פאר די אויגען איז מיר

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

דיִ זונן אונטערגעגאַנגען; דיִ מערב־וואָלקענדלעך האָבען נאָך איִהר שטיִל אַ הֶסְפֵּד אָבגעריִכט, איִך בּיִן אַהײם אַװעק און האָב ניִשט געװאוּסט אַז איִך טראָג פוּן פעלד דיִ זונן איִן מײַנע אױגען –

שלמה. און אַ זומערפײַגעלע אוּיפ'ן קאָפּ... (ער זעצט זיִך בּײַ'ם ראָיאַל).

צלה. איִך האָב נאָר דערהערט אַראָבגעהענדיִג פוּן בּאַרג זײַנע טריִט —

שלמה. וועמענס?

צלה. (חזר'ט איִבּער) זײַנע טריִט... אונטער מיִר האָב איִך זײַ דערהערט...

שלמה. אונטער אײַך?...

צלה. איִך דערקען בּאַלד זײַנע טריִט, ער האָט אַזאַ לײַכטען גאַנג... דאָס גראָז בּײגט זיִך ניִשט אונטער איִהם... דיִ זונן איִז אַװעק און האָט איִהם אַלץ איִבּערגעגעבען: נעהם און הערש! האָט זיִ איִהם געזאָגט; ער הערשט אָבער ניִט... ער גלעט נאָר און לאַסצעט און אַלץ װערט טרױעריִג אונטער זײַנע הענד... אוּיף אַלע פעלדער האָט ער אױסגעגאָסען זײַן שטיִלען שמערץ; יעדען זאַנג האָט ער אײַנגעטהײלט פוּן זײַן נשמה און האָט'ן דאָס פוּלע טרױעריִגע קעפּעלע אַראָבגעבױגען; יעדען בּױם האָט ער בּעשאָנקען מיִט אַנ'אומעטיִגען שטיִלשװײַגען – איִן אַנ'אומעטיִגען שטיִלשװײַגען זענען דיִ בּױמער געשטאַנען; יעדעס צװײַגעלע האָט בּעזונדער געשװיִגען, יעדעס בּלעטעלע איִז בּעזונדער שטום געװען... איִן דער לופט נאָר האָט געשװעבּט אַ רעדעװדיִגע מעלאַנכאָליִע... װיִ ס'איִז נאָר דונקעל געװאָרען — אַזױ האָט ער זיִ אַרױסגעלאָזען איִבּער דער װעלט: געה, און פערצעהל פוּן מיִר, רעד יעדען צום האַרצען; װײַן יעדען אוּיף דיִ אױער'ן — און אַלץ זאָל טרױעריִג װערען –

שלמה. (מיִט שמײכ'ל) טרױעריִג װערען — ?

צלה. — אַלץ איִז טרױעריִג געװאָרען אונטער'ן שטאָדט און איִך בּיִן אַהײם געגאַנגען... דעם גאַנצען װעג איִז ער מיִר פוּן הינטען נאָכגעגאַנגען... טריִט בּײַ טריִט... און האָט מיִר דיִ צעפּ געקוּשט —

(דורך דער טהיִר־שפּאַרע פאַלט אַרײַן אַ שטראַהל ליִכט פוּן לאָמפּ).

שלמה. (חאַפּט זיִך אוּיף פוּן שטוּהל, בּעהט שנעל צו, עפענט דיִ

טהיר אין טרעפט זיך נעזיכט אין געזיכט מיט גיטלען וואס האלט אג׳ אנגע. צונדענע לאמפ) מוהמעניו, איהר וועט צוריק נעהמען די לאמפ..

גיטל. (קוקט איהם אן אין טהיר) נו ?...

שלמה. (שווייגט).

גיטל. (פערמאכט די טהיר און נעהט אין מיט דער לאמפ).

שלמה. (שטעהט נאך א ווײַלע מיט׳ן פנים צו דער פערמאכטער טהיר, קומט דערנאך און זעצט זיך צוריק אויפ׳ן שטוהל נעבען ראיאל).

צלה. (קומט צו צו איהם, אויס דאנקבארקייט) גיעט מיר אייער האנד !...

שלמה. (נעמט איהר האנד אין זײַנע, און דריקט איהר שטיל).

צלה. איהר שפירט איהם שוין אויך דא ?

שלמה. נײן.

צלה. איהר האט די לאמפ געהייסען צוריק טראגען — ?

שלמה. צוליעב אײַך...

צלה. יא, יא... ער איז דא...

שלמה. דארף איך אייער האנד ארויסלאזען — ?

צלה. יא... (ציהט לײַזע ארויס איהר האנד). ער איז דא, און רופט מיך באלד רופען — (פויזע).

זײַן קול. (ווי אין אנהויב אקט). א — — —

צלה. (ענטפערט) א — — (שלמה׳ן) איהר הערט ווי ער רופט ?

שלמה. איך הער עס ניט.

צלה. גארנישט ?

שלמה. איך הער נאר ווי איהר ענטפערט...

זײַן קול. (אונטער די פארטיערען ווי פריהער) א — — —

צלה. איהר הערט ניט ?!.. איהר הערט ניט ?!..

שלמה. איך הער די בלומען אין פעלד ריידען; איך הער דאס פליסטערן פון די ווײַטע שטערען אין הימעל — און הער נאר נישט ווי ער רופט...

צלה. ער רופט... ער רופט... ער קומט באלד אין שווארצען געהילט... אויף אייער ארט וועט ער זיך זעצען און שפיעלען, פון מײַן הארצען וועט ער שפיעלען; טרויעריג וועלען זײַנע פינגער פאלען אויף די קלאווישען; לאנגע טרויעריגע פינגער האט ער —

שלמה. ער קומט אָפט צו אייך?

צלה. ער קומט אַלע מאָל, מיט יעדען נייעם שמערץ וואָס וואַקסט מיר אויף אין הארץ... ער אַליין שענקט מיר איהם דעם שמערץ... ער אַליין וועקט שטילערהייד יעדעס ליעד אין מיין נשמה, אַ פּערז נאָך אַ פּערז וועקט ער... דערנאָך קומט ער און שפּיעלט עס אויס, שעפּט עס אַקאָרדען־ווייז פון מיין הארץ ארויס...

שלמה. איהר ריכט זיך אויף איהם יעצט?

צלה. (פעסט) ער דאַרף קומען! דאָס ליעד איז שוין פאַרטיג!

שלמה. (ציהט אויס די הענד צו די קלאַווישען ווי ער וואָלט וועלען דאָס ליעד געפינען) אַה!

צלה. דאָס נייע ליעד... ער וועט קומען און וועט עס אויס־שפּיעלען —

שלמה. (קלאַפּט אין אַ הויכען אַקאָרד).

צלה. (פערציטערט, האַפּט זיך פאַר אַ האַנד) נים דעם אַקאָרד...

שלמה. (שטעהט אויף פון שטול, ערגעבענסט) נים דעם אַקאָרד!

צלה. נים דעם אַקאָרד, שלמה... (נעהמט זיינע ביידע הענד און לעגט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט).

(פּויזע).

שלמה. איך וועל נאָך אַמאָל פּרובירען, צלה, אייער ליעד געפינען —

צלה. (קוקט איהם קורץ און טרויעריג אָן) פּרובט...

שלמה. (זעצט זיך ווידער ביים ראָיאַל, קוקט טיעף אין צלה'ס געזיכט, ווי ער וואָלט וועלען אויסשעפּען איהר געדאַנק, קלאַפּט אין בלינד די קלאַווישען).

צלה. (פערציטערט לייכט) נישט דער...

שלמה. (פערווירט. נעהמט זיין בליק פון איהר נישט אראָב) נישט דער! (קלאַפּט אין אנדערע קלאַווישען).

צלה. (צוקט אַמנגעהאַלטען) ניין...

שלמה. (פערצווייפעלט) ניין! (פאַרשט איהר געזיכט, און קלאַפּט אין דאָס פערטע מאָל)

צלה. (פאַלט צו איהם צו) ניין, איהר ווייסט עס נישט שלמה, דאָס ליעד... נעהמט, ריהרט עס מיר אָן אויפ'ן הארצען (זי נעהמט

זיין האנד און לעגט זיך אויפ'ן הארצען) איהר הערט דאך די בלומען רעדען, די ווייסע שטערען הערט איהר דאך – און מיין ליעד, מיין ליעד קענט איהר נישט געפינען...

שלמה. אייער ליעד געפין איך נישט! פערבארגען איז עס פון מיר – און איך קען עס ניט געפינען...

זיין קול א – – –

צלה. (ווענדט אויף איין אויגענבליק איהר געזיכט צו די פארטיערען).

שלמה. (שטעהט אויף פון שטוהל) ער רופט אייך... ער רופט אייך...

צלה. איהר הערט דען זיין קול?

שלמה. ניין. איך הער אייער ענטפער...

צלה. איך האב יעצט געשוויגען –

שלמה. איהר האט לייכט פערציטערט... אזוי לייכט... (ער לאזט איהר שטעהן, געהט צו צו דער קאנאפע, זעצט זיך, שפארט אן די הענד אויף די קניע און לעגט אויף זיי דעם קאפ).

צלה. (זעצט זיך ביים ראיאל, זי קוקט אויס מיט'ן פלייצע צו שלמה'ן. אין ערווארטונג אויף ווערטער, פויזע פאר אונגעדולד) א – – –

ער. (בעווייזט זיך פון צווישען די פערהאנגענע שווערע פארטיערען ערוויקעלט אין שווארצען. דעם קאפ טרויעריג אראבגעלאזען, די הענד פערלייגט אויף די ברוסט, בלייבט שטעהן געגען צלה'ן).

צלה. הויבט זיך לאנגזאם אויף פונ'ם שטוהל, ווי פון שלאף, טרעט אביסעל צוריק, מאכט'ן א וועג צום ראיאל, בלייבט שטעהן מיט'ן געזיכט צום פובליקום, קוקט צום פענסטער).

ער. (געהט צו מיט לאנגזאמע טריט און זעצט זיך ביי'ם ראיאל).

שלמה. (הויבט אויף דעם קאפ צו צלה'ן, שטיל בעטענדיג) צלה...

צלה. (שטעהט ווי פערגעסען. הערט ניט זיין רופען).

(פויזע).

שלמה. (בעטענדיג) צלה... צלה...

צלה. (הערט'ץ נישט, פויזע).

ער. (ציהט אויס די הענד צום קלאוויר, שלאגט אויס עטליכע טענער).

צלה. (הויבט אויף דעם קאפ עפעס העכער, עפענט ברייטער די אויגען אין ערווארטונג).

ער. (שפיעלט דעם ערשטען טאקט).

צלה. (עפֿענט אונבאַוואוסט דעם מויל, זינגט אונטער זיין אַקאָמפּאַ־
ניִמענט, קוקענדיג אין פענסטער).

(אין פענסטער פֿאַלען אַריין עטליכע רעטערונג-שטראַהלען).

די זון פֿערגעהט אין פֿלאַמען,
די זון – מ'זעהט זי קוים –
אַזוי פֿערגעהט מיין האָפֿנונג,
אַזוי פֿערלעשט מיין טרוים...

די נאַכט, די נאַכט, איז פֿינסטער
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ;
אַזוי זעהט אויס מיין טרויער,
אַזוי זעהט אויס מיין האַרץ...

וועלט, דו וועלט, דו זאָרג ניִשט –
באַלד לייכט אויף דיין טאָג!
אייביג איז מיין טרויער.
אייביג איז מיין קלאָג...

---

ער. (ענדיגט זיין אַקאָמפּאַניִמענט, שטעהט אויף פֿון שטול, נעמט עטליכע שטאַרקע, טרויעריגע אַקאָרדען —)

צלה. (דערנעהנטערט זיך צו איהם הינטערוואַלעכטס, ווי צוגעצויגען פֿון זיינע אַקאָרדען).

ער. (זיך צוּווענדענדיג צו איהר, עפֿענט ברייט זיין מאַנטעל און שליִנגט איהר אין איהם איין. דריִקט זי פֿעסט צו זיך, קושט איהר וויִיך די לאַקען צעפֿלעכטענדיג זיי, לאַנגע מויזע. לאָזט איהר אַרויס אויס'ן מאַנטעל אויפ'ן שטול, און געהט אַב אונטער די פּאָרטיערען, לאַנגזאַם און שטיל ווי ער איז אַריינגעקומען).

צלה. (בלאַס און מיִעד, דעם קאָפּ פֿערוואָרפֿען אויפ'ן ווענטיל פֿון שטול, די הענד אַראָבגעלאָזט מאַכטלאָז פֿון ביידע זייטען. מויזע. צעבראָכען שטיל) שלמה...

שלמה. (וועלכער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איבער די קניִען ווען זי האָט געענדיגט זינגען, הויבט'ן צו איהר ווידער אויף).

צלה. ציִטערט יעצט דאָס ליִכט אָן –

שלמה. (אויפשטעהענדיג) דאס ליכט?

צלה. ס'קען שוין ליכטיג ווערען ...

שלמה. (דערמאנט איהר איהרע ווערטער) „אין דער דונקעל איז ער דא מיט אייך“ ...

צלה. ער איז שוין דא געוועזען און איז אוועק!

שלמה. (צינדט אן דאס ליכט אויפ'ן טישעל, ס'ווערט ליכטיג) (פויזע).

צלה. איהר האט געהערט זיין ליעד?

שלמה. ס'איז זיין געוועזען?! — — —

צלה. יעצט זינגט מיר אייערע ...

שלמה. זיינע זענען שענער —

צלה. ער איז דא געוועזען, האט זיך אויסגעשעפט פון מיר און — אוועק... יעצט האב איך גארנישט, גארנישט... מיט א ליידיג הארץ און א קאלטע ברוסט האט ער מיך אויפ'ן שטול געלאזען... (שטרעקט צו איהם די האנד אויס נישט ריהרענדיג זיך פון שטול) גיט מיר אייער האנד!

שלמה. (שטעהט אויף פון קאנאפע, קניעט אנטער איהר, נעמט זי ביי דער האנד).

צלה. (מאכטלאז). ער טהוט אלע מאל אזוי, אלע מאל... צום ערשטען וועבט ער אין מיר דאס ליעד, א ווארט נאך א ווארט, א פערז נאך א פערז... איף מיינע דינע נשמה-פעדעם וועבט ער עס, טונקט יעדען אות אין מיין בלוט אב; דערנאך קומט ער און רייסט עס אין גאנצען אויס, לאזט גארנישט איבער לאזט גארנישט איבער... — דריקט מיר שלמה, בעסער די האנד, איך זאל פיהלען! ...

שלמה. (דריקט איהר האנד אין זיינע, קושט זי, קוים וואס מ'הערט) צלה... צלה...

צלה. מיט א ליידיג הארץ און א קאלטע נשמה האט ער מיך אויפ'ן שטול געלאזען (לעגט די האנד אויפ'ן הארץ) לעגט מיר די האנד אויפ'ן הארצען וועט איהר דעם ווידערקלאנג הערען, ליידיג איז עס!

שלמה. (טרייסט זי) ער וועט קומען, צלה, און ווייטער אין אייך זיינע ליעדער וועבען!

צלה. נישט אזוי שנעל וועט ער קומען... נישט אזוי שנעל...

נאָך אַזאַ אָווענד קען מען אַזוי שנעל נישט קומען... און — אַח!.
(מיעד) איך שטאַרב דערווייל פאַר לאַנגווייל... (ציִעהט איהם צו זיך).

שלמה. פאַר לאַנגווייל — ?

צלה. איהם קענט איהר אויך נישט? ... קומט, זינגט מיר אייערע ליעדער!

שלמה. (שטעהט אויף און בלייבט אויפ'ן אָרט) זינגען אייך מיינע... מיינע... איך פערגעס זיי אין אייער געגענוואַרט... פרעהליכע זענען מיינע!... איך זינג זיי שטענדיג און אומעטום... מיט חברים און אַליין; אויף דעם וועג אין אוניווערסיטעט, אין לאַבאָראַטאָריום פאַר פעהלערהאַפטע קראַנקע; ביי'ם אַנאַליזירען צושניטענע טויטע קערפער — אומעטום זינג איך זיי; דאָ נאָר, נעבען אייך פערגעס איך זיי...

צלה. דערמאָנט זיך —

שלמה. דאָ, נעבען אייך? (נעהמט אַב וויטער, צו דער קאַנאַפע)
איך קען מיך נישט דערמאַנען!...

צלה. (מיעד) שלמה...

שלמה. איך קום שטענדיג אַהער מיט דעם געדאַנק, אַלע מיינע ליעדער פאַר אייך אויסצוזינגען... ווען איך זינג זיי -- דאַכט זיך מיר, אַז זיי זענען פול מיט לעבען און לעבענסזאַפט... אַ קראַנץ לעבעדיגע בלומען טראָג איך אייך יעדעס מאָל אַהער! ווייסע פלאַטערנדע טויבען; ווי אין אַ טויבענשלאַג אַזוי ציטער'ן זיי אין מיין ברוסט — קוים טרעט איך נאָר אַריבער אייער שוועל, פערפריהרען זיי אין מיר... איהר, (קוקט זיך ארום) אייער צימער — איך שעם מיך דאָ מיט זיי, מיט מיינע ליעדער...

צלה. (שטעהט אויף פון שטול, פאַכעט מיט די הענד, אונטערטאַנ-צענדיג) האָ-לאַ-דראַ! האָ-לאַ-דראַ!

שלמה. האָ!

צלה. אַלץ הערט מען דאָ! וואָס נאָר איהר טהוט דאָרט אויבען הערט מען דאָ; היינט פריה האָט איהר עס געזונגען —

שלמה. (איראָניש) זיינע ליעדער זענען שענער!...

צלה. ער איז אָבער אַוועק — און איידער ער קומט ווידער — האָ-לאַ-דראַ! האָ-לאַ-דראַ! (פאַלט מאַט אויפ'ן שטול).

ניסל. (קומט אריין) קומט עסען קינדער, שלמה — (בעמערקט זיי בעזונדערע בלייבט שטעהן פערווירט)?

שלמה. (ניעדערגעשלאגען און בעליידיגט) אח, טוהמע, טוהמע! (פאלט צו איהר צו).

גיטל. (הויבט איהם אביסעל פאר'ן אקסעל) גיה, שלמה, עסען.

שלמה. (אב אין עסצימער).

גיטל. (געהט צו, צו צלה'ן, אנגרוהיג) צלה'ניו, טאכטער מיין...

צלה. (אומעטיג) אח, מאמעניו, מאמעניו!...

גיטל. (פאלט אויף די קניען, כיט די עלענבויגענס דער טאכטער אויפ'ן שויס) בלאס ביסטו, טאכטער מיין?

צלה. ער האט מיר דאס בלוט אויסגעזויגען —

גיטל. צעפלאכטען זענען דיר די לאקען דיינע?

צלה. יעדעס הערעלע האט ער מיר אויסגעקושט —

גיטל. צעקנייטשט איז אויף דיר דאס בלוזקעלע דיינ'ס?

צלה. ער האט מיך צו זיין הארצען געדריקט...

גיטל. ווער, צלה'ניו, ווער האט דיך צו'ם הארצען געדריקט? (ווארפט איהרע בליקען צום עסצימער).

צלה. (ווייזט מיט די האנד צו די שווערע פארטיערען) דער אינ'ם שווארצען כאנטעל, מאמעניו —

גיטל. (שרייט אויס) צלה! (הויבט זיך אויף, טאפט איהר אויף די האר) דערפאר זענען דיר די האר אזוי פייכט; (גלעט איהר ציטערנד איבער'ן פניב) דאס פנים אזוי בלאס — (ליגט איהר די האנד צום הארץ) דערפאר בעוועגט זיך נישט דיין ברוסט —

צלה. (שטעהט אויף פון שטול, בעהיימניססאל) איך בין אונטער זיין שווארצען מאנטעל געוועזן, מאמעניו...

גיטל. (פערשפרייט אויף דער טאכטער די הענד ווי צו בעשיצען איהר) צלה! צלה!...

פארהאנג.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

אומפארטייאישע
אידישע ארבעטער
מיטל שול
ניו יארק

# אַ רעגען געהט.

**-Vision-**

## I.

א רעגען געהט,
די קלארע טראפען זעהנען דאך גאט'ס טרעהרן;
גאט'ס אויסגעגאסענע ליידען —
באלד וועט דער הימעל אנדערש ווערען,
דער דונקלער מורח וועט זיך פארבען
רויט —
ווי בלומען;
די שווארצע וואלקען וועלען ווערען ווייס —
ווי מארמאר;
ס'וועלען זיך א שיין טהון גאנצע גארבען
שטראהלען,
יונגע, פרישע,
זיי וועלען קומען,
און וועלען פאלען,
ווי א גאלדענער ניים —
א ווייטער גאלדענער אבקלאנג פון גאט'ס פריידען,

## II.

א רעגען געהט —
וואס ערגערט איהם, דיעם גאט, און וואס בעטריעבט'ן

אין זיינע זיעבען הימלען —
דאָס זיעבען פֿאַרביג לעבען ?
אָ, ס'וועט געהן ווי ס'געהט !
אָ, זיין גוט'ס וועט ניט פֿערשימלען,
אין גוטע הענד האָט ער עס איבערגעבען,
ער האָט מלאָכים מיט פֿערשיעד'נע פֿליגעל...
און איז אַליין אַרויף אין העכסטען הימעל,
אין דעם זיעבטען,
פֿערשפּאַרט זיך דאָרט אויף שלאָס און ריגעל
און לעבט אַליין דאָרט... —

III.

אַ רעגען געהט —
די קלאָרע טראָפּען ועגען דאָך גאָט'ס טרעהרען!
זיין צער וועט אָבער קיינער ניט פֿערשטעהן,
און קיינער וועט זיין אונגליק וויסען —
גאָט לעבט פֿאַר זיך אַליין,
הויך האָט ער זיך פֿערקליעבען...
רופֿט ער וועמען וועט קיינער ניט דערהערען,
קיינער וועט איהם פֿון דער ערד ניט גריסען,
קיין איינציג האַרץ קען איהם נישט ליעבען
און קיין טרייסט־וואָרט שענקען
פֿאַר זיין טרויער'ן און בענקען;
און וויינט ער שוין, פֿליסט דורך זיין טרעהר —
אַלע זיעבען הימלען, אַלע זיעבען!
און פֿאַלט אַראָב אויף דר'ערד אַ קאַלטע,
אַזוי וויינט אַ זקן,
אַנ'אויג אַ קראַנקע און אַנ'אַלטע!...

## IV.

אַ רעגען געהט —
נאָר וועה, נאָר וועה, עס הערט שוין אויף,
באַלד, באַלד, עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן —
דער הימעל איז שוין ווידער בלאָה,
קיין סימן פון אַ טרויערן!
עט איז אַרויף די ערשטע גאָלד'נע שלאַנג:
האַלב צעצויגען, האַלב פערוויקעלט אין אַ קנויל—
ניט גיפט נאָר גאָלד פליסט איהר פון מויל!...
עט קומט די צווייטע
אַ העליש־פייריגע אַ רויטע,
נעבען איהר די דריטע:
דין און לאַנג —
עט איז אַ פרישער פייער־פייל —
אַ פרישער גאָלד'נער שטרייף
עט שווימען נאָך, עט פאַלען ווידער, דאָרט און דאָ,
דער גאַנצער הימעל ברענט און פרעהט זיך
ברעכט זיך אין גאָלד און ליכטער און פערגעהט זיך,

## V.

וואָס איז —?
אין מיטן טרויערן, אין מיטן וויינען —
אַזוי פערשיינען?
יעדער גרויסער עובר־בטל וואָלקן
פערוואַנדעלט זיך אין אַ פייערדיגען ריז,

יעטוועדעס טרעהר׳ל
איז א פערל׳,
אויף יעדע שווארצע פאלד, אויף יעדען דונקלען קאנט
ליעגט א דיאמאנט.
— ואס איז? —
ניט אנדערש: גאט —
דער הויך פערליעבענער גאט,
האט
אויף זיין קאפ א נײע קרוין דערשפירט,
אדער גאר געפונען
טיעף אין הארץ בעהאלטען טויזענד נײע וונען,
טויזענד זעליגע געדאנקען — ?
א גליק! א גליק!
זיין גליק וועט אבער קײנער ניט פערשטעהן,
און קײנער וועט זיין פרייד ניט וויסען,
ניט קיין שבחים, ניט קיין דאנקען
וועט די ערד איהם שיקען —
ער לעבט צו הויך, ער לעבט אליין,
און זאל׳ם איהם ניט פערדריסען!...

VI.

— פרענען געהט —
— וואס איז געשעהן? —
א רעגען פאלט,
און דער הימעל שטראהלט!
— וואס איז געשעהן —

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

ס'פֿאַלען טראָפּען,
ס'פֿאַלען פֿלאַמען —
אַלץ צוזאַמען! ...
גאָט ווײנט און לאַכט
ניט אַנדערש:
עס איז איהם גוט און ס'איז איהם שלעכט!
ערשט האָט ער זיך געוועבט דער זון,
ערשט האָט ער זיך געוואונען —
און גלייך איז זי צערונען...
ערשט האָט ער איהם געטראָגען דעם געדאַנקען,
ערשט איז איהם דערגאַנגען,
און באַלד איז ער צעגאַנגען...

*

א רעגען געהט —
ווער ווייס, וואָס ס'טהוט זיך דאָרט,
אין יענעם הויכען אָרט?
זאָל שיינען און זאָל גיעסען —
אַ מענש קאָן גאָר ניט וויסען.
אַ רעגען געהט! אַ רעגען געהט!

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# V

# קינסטלער.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# קינסטלער.

(סקיצע).

— הערסט, זלאטע. — האט ר׳ .ום דער מגיד געזאגט צו זיין זלאטען, קומענדיג פון מעריב א היים — הערסט, אברהם׳עלע קומט צו אונז „אויף א פאר וואכען״... אזוי שרייבט ער: אויף א פאר וואכען! גארנים קלוג, ער זאל מיר מוחל זיין; ער וויל אונז נים איבערשרעקען, טאמער מיינען מיר איינגאנצען... סך־הכל שרייב איך איהם אין יעדעם קארטעל: קום אהיים! ווייל באמת פערשטעה איך נים דעם תכלית פון זיצען אין דער פרעמד...

— א בריעף פון אברהם׳עלען? — האט זלאטע צופריעדען איבערגעפרעגט, אויפהענגענדיג אויף דער טהיר דעם שווארצליכען האנדטוך, מיט וועלכען זי האט אויפגעגליהט די קוילען אין סאמאוואר, — איך וויל טאקי, שלום, זאלסט מיר איהם ליינענען!

— מען קאן זיך אפילו אנליינענען... האט ר׳ שלום א זאג געטהון האלב ברוגז׳דיג, — דאס לעצטע יאהר שיקט ער אונז לע־דיגע בויגעלעך... א מענש זאל נים קענען אנפילען איין פאסט־בויגעלע! און זיצען זיצט ער אין א כרך, אין א ווארשע! וועסט א קוק טהון אויף טשיקאוועס, א בריעף...

ער לאזט די הענד אויף הינטער, ציהט ארויס פון קעשענע ארויסע טיכעל, דערנאך דעם בריעף, זלאטע חאפט׳ן אויף די הענד גענהט מיט איהם צו צו׳ם לעמפעל.

— אבער אלע מאל — איז זלאטע ארויס מיט התפעלות, — אלע מאל, ווען איך זעה אברהם׳לעם כתב, מיין איך, אז דו, שלום, דו האסט עס געשריעבען; דיינע אותיות, דיין גאנג שריי־בען... מעהר ווי צעהן שורות פלעג איך פון דיר איינמאל נים זעהן; אזוי ווי היינט געדענק איך דיינע בריעוועלעך פון וואַ־לאזין... קום נאר אבער אהער, ווי מאכט, שלום, דאסווארט? אין לשון־קדש בין איך פון אלע מאל א קנאפע ווייסערין...

זלאטע האט זיך אבגעשטעלט און אנגעוויזען דעם באן מיט׳ן פינגער אויף דעם לשון־קדש.

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

— ווארט אביסעלע... — ר' שלום האט זיך ארויסגענומען די ברילען, אויסגעווישט די גלעזלעך, ווי ער איז זיך נוהג יעדעס מאל, ווען ער נעהמט זיי ארויס־פון שיידעל, אנגעטהון זיי רעיעל, און מיט א צופריעדענעם שמייכעל האט ער גענומען דעם וואס'ס בריעף אין האנד. א פנים ער האט הנאה פונ'ם וואס'ס שרייבען און פונ'ם לשון־קודש.

— וואס זולסטו אזוי לאנג... דא, אט דא! — האט זלאטע אונגעדולדיג אויסגערופען, זעהענדיג אז ר' שלום פערקריכט ווייט אין בריעף.

— דאס? דאס איז דאך נישט קיין לשון־קדש... היטצען! היטצען מאכט עס... ער שרייבט, הייסט עס, אז צוליעב די גרויסע היטצען וועט ער קומען אהיים אויף עטליכע וואכען.

זלאטע האט זיך אביסעל פערשעמט, האט ארויסגעכאפט דעם בריעף פונ'ם מאנ'ס הענד, איינגעקוקט זיך נאך א מאל און ארויפגעווארפען דעם גאנצען חטא אויפ'ן טית.

— דאס איז א טית? מיט צעהן קעפ אפילו, וואלט איך אויף דעם ניט געפאלען...

— יא א טית, ניט א טית! האט ר' שלום אויסגעשריען מיט א ביטול — איך האב שטארק הנאה וואס אברהם'עלע קומט. ראשית: האב איך א ידיעה, אז ער מישט זיך אין פוסי'ל'ע זאכען, והשנית: די כך קינדער וואס איך האב! שפרה'לע איז אין דער היים?

— עפעס גלויבט זיך מיר ניט, זאגט זלאטע, אויף אונזער אברהם'עלען, אז ווארשא זאל איהם קאליע מאכען... האבען מיר א טאכטער, שלום! זי זיצט יעצט אין הויף, אין גערטיל, א שוואכע נעבעך, נאר זי שיינט... שטענדיג זענען איהר די אויגען אפען.

— אויגען־סמוינען! אז איך בין געווען יונגער בין איך טאקע געווען נארישער און אויסגעקליבען זלאטען... — גלוסט זיך ר' שלום'ן לאכען, — אין דער אמת'ן איז דאך שענקייט א הבל־הבלים, א שטות! דער עיקר איז — הארץ, נשמה... ענדיגט ער ערנסט.

— וואס זאג איך? ב'מיין טאקע, אין איהרע אויגען ליגען דאך פודען נשמה: ביסט ניט קיין מבין אויף שפרה'לען! דאכט זיך שטענדיג מיט די ביבלעך, גוי'שע... און נעהמט ממש אוים ווען זי לערנסט פארטאג; דער יודישער נגון... זאגט זי.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

— ניגון־סמיכען! אַ חפל זאַך... אַמאָי דער רב אונזערער לערנט אָהן אַ ניגון? פאַלט איהר אַריין ר' שלום אין די רעד, און זיין לערנען האָט אַ גרויסען טעם... הלכה... טיעף — — — —

אַ משל ווי צו אַ טאָרבע פלעקער! איך דערצעהל דיר פון ספרה'לעך, פאַלסטו אַריין מיט'ן רב און הלכה, וואָס ווילסטו, זי זאָל זיך מיט דיר מפלפל זיין אין אַ שאלות ותשובות?...

— וועהר רעדט? ! נאָר אַנטקעגען דעם וואָס דו זאָגסט: ניגון... אַ נאַמור אַזאַ! לון קינדוויז אָן האָב איך ליעב אַגדה, מדרשים... זיך קיינמאָל ניט געטיעפט... און אַגדה דאַרף אַ ניגון! ס'הייסט אַגדה, אַ מעשה'לע וואָס ס'איז פערלאָפען מיט אַ תנא, האָט אַ ניגון... זעהסט זלאַטע, דער געלער ביי'ערט זיך שוין — און איך וויל טאַקי אַ גלעזעל טהעע!... האָט ר' שלום געענדיגט זיין הסברה.

---

די קליינע משפחה, וואָס איז דערווייל בעשטאַנען פון דרייען, האָט זיך געזעצט צום טהעע.

ר' שלום מעג זיין ווער וויים ווי דאָרשטיג, וועט ער זיך ניט זעצען אַליין ביי'ם סאַמאָוואַר. שבת פון אָנגעוואַרעמטען לייאַק־יע! ווייל על־פי־רוב איילט ער זיך אין בית־המדרש... אַ שטאָדט־מגיד! און אַ שטאָדט — אַ מאָהנערען, זי וואָלט נאָר געטהון און געהערט דרשות! פון ראש־חודש־שבתים איז דאָך שוין אָבגערעדט! שבת ראש־חודש אָהן אַ דרוש? ביי ר' שלום'ן פלעגט מען אויספיהרען אַ זאָגעכט'ס אין אַ פראָסטען שבת אויך... איהם, ר' שלום'ען פלעגט עס נישט אַהרען. וואָס וועט ער זיי זשאַלעווען? ס'קומט איהם גאָרנישט אַזוי שווער אָן: תנ"ך — ב"ה קלאָר, מדרשים פעהלען אויך נישט... פערדריסען פלעגט עס אַ ביסעל זלאַטען; עפּעס ניצט מען איהר שלום'ן צופיעל אויס... נאָר שטערען איהם איז איהר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַגב האָט זי געוואוסט, אַז איהר שלום האָט בטבע ליעב צו זאָגען... אַ ווערטעל איז אומגעגאַנגען אין שטעדיעל בנוגע צו ר' שלום'ן: „דאָס איז אַ קוואַל וואָס זיינע וואַסערען הערען קיינמאָל נישט אויף צו געהן".

געשטעלט זיך אויף דער בימה, פערוואָרפען דעם קלאָרען טלית אויף די אַקסלען, גאָרנישט ווי אַ בטלן; די באָרד אַ שענע, אַ גראָהליכע באָרד, רוהט האַלב אויף אַ געזונדע פרוסט

בּרוסט; דער ווייסער שטערן פערקנייטשט זיך לייכט, און עס שיינט שוין אַרויס פון די אָפענע אויגען דער ליכטיגער געדאַנק...

אָנהויבען הויבט ער אָן קליין: מיט אַ פּסוק'ל נעהט ער אַרויס, מיט אַ קליינעם פּסוק, אָדער גאָר מיט אַ תּנא'ס אַ ווערטיל. שפּאַרט זיך לכתּחלה אָן מיט ביידע עלענבויגענס אָן דעם שטענדער, וויעגט זיך אויף איהם אונטער און זאָגט אַרויס, בּניחותא, שפּיע-לענדיג דאָס פּסוק'ל, אָדער דעם תּנא'ס גלייכווערטעלע, און ס'נעהט אַוועק אַ גאַנג... אַזוי ווי די פּערל שיטען זיך איהם פון'ם שענעם מויל אַרויס, אַמאָל בּעלויכטען מיט אַ דין שמייכעלע און אָפּט-מאָל בּעגלייט מיט אַ בּיטערקייט; קומט ער אין עקסטאַז — שטעלט ער זיך אויף בּכל קוחותיו, איז עס טאַקי מראה מלך, אַ דערקוויקעניש פאַר'ן אויג! ווען ער איז געווען יונגער, פלעגען יודישע ווייבּלעך, וועלכע פלעגען זיצען איהם ענטקעגען אין ווייבּער-שוהל, געשטרויכעלט ווערען מיט אַ הרהור-חטא, מיט נישט קיין כּשר'ה מחשבה'לע... זיי פלעגען עס פיהלען און פערשרייבּען אין זייערע פעקלעך עברות, געוועהנליך צווישען די קליינע עבירה'לעך...

נאָר וואויל איז אָבּער צו די אויער'ן וואָס האָבּען איהם געהערט „זאָגען"! ווי זאָגט ער, דער חכם: שקר החן... והבל היופי — רעדען האָט ער געקענט! אַזוי אַ וואַבּער'ל, אַ זיס וואַסער'ל, וועלכעס פליסט אונטער גאָלדיג-רוהיגע שטראַהלען, פליסט גלאַט, שטיל: און וועלכעס צעקאָכט זיך אונטער אַ פינסטער'ן וואָלקען, פערוואַרפט קליינע כוואַליעס און צעשוימט זיך פון כּעס... נאָר זיין גאַנג איז שטענדיג אָהן אַנ'אָבּהאַלט.

לאַכען פלעגט ער פון זייערע „זאָגער", די הייטנוועלטיגע, וואָס האַלטען רעדעס... אַ טריקעניש רחמנא-לצלן איז אין זייערע מיילער, צו יעדער האַלבּע שעה נעצט מען די צונג, די פער-טריקענטע, די געלעהמטע; — דאָס איז אַלץ — פלעגט ר' שלום זאָגען — ווען מען האָט פאַר דעם עולם נישט מעהר ווי ווערטער אָן אַ לעק נשמה... וואָלט זיך דאָס מיר פאַרוועלען אַ טרונק בּשעת'ן זאָגען! כ'פערגעס גאָר אַז אַ מענש דאַרף טרינקען... לאחר המעשה, אַז איך זאָג שוין אָבּ דעם ובא לציון גואל — אמן! אַז איך נעה שוין אַראָבּ פון בּימה, טהו אויס דעם טלית און דער עולם זאָגט מיר אָבּ דעם וואָלעדיגען „שכח"... דעמאָלס ערשט דערפיהל איך דאָס טריקעניש אין האַלז, געה איך אַהיים און בּין מיך מחיה מיט'ן

סאַמאָוואַר. זלאַטע ווײס, אַז איך האָב האָלט אַ סאַמאָוואַר און שטעלט איהם אָן אײנס=צווײ, און טאָמער דאַרף מען צו וואַרטען — וואַרט איך! די דורשט, וואָס קלײבט זיך בײ מיר אָן דורך דעם שבת׳דיגען טאָג איז בײ מיר אמת=טײער, און איך זאָל איהם קאַליע מאַכען מיט אַ קאַלטען טרונק וואַסער... ס׳איז גלאַט פרעהליכער בײ׳ם טיש מיט אַ סאַמאָוואַר... כ׳צאַפּ פון אַ חי, פון אַלעבעדיגע זאַך... אַ רשע, אַ שונא ישראל, בריהט און בראָט זיך אויפ׳ן טיש, און איך שעפּ פון איהם אַ חיות...

בײ׳ם טהע האָט מען אָנגעזאָגט שפרה׳לען די ליעבע בשורה אז אברהם׳עלע קומט. ס׳האָט איהר זעהר געפרעהט: די ערשטע ביכלעך האָט ער איהר געגעבען; זײ פלעגען בײדע צוזאַמען לײענען די וואונדער=מעשיות פון ווײטע לענדער און פון גײסטער=וועלטען, ער איז שוין אָבער לאַנג אַוועקגעפאָהרען, זי איז געבליבען אַלײן מיט די ביכלעך: זי לײענט זײ עד היום; יענע, די אַלטע האָבען זיך שוין אויסגענומען, לײענט זי די שפּעטערע! ליעדער, ליעדער און ליעדער.

---

אויף שבת איז געקומען אברהם׳עלע. זלאַטע האָט איהם דערקענט, ר׳ שלום אָבער האָט געקוקט און געקוקט אויפ׳ן זוהן און האָט געזאָגט: — דאַכט זיך אברהם׳עלע.. — ערשט אַז אברהם׳ל האָט זיך צעלאַכט איז דער צופריעדענער טאַטע אַרײנגעפאַלען אויפ׳ן זוהן און בעדעקט מיט וואַרימע קושען זײנע אײנגעפאַלענע באַקען.

— און דאָס איז שפרה׳לע! די קלײנע, בלאַסע, זיבע שפרה׳לע?! שיער, שיער וואָלט איך איהר ניט דערקענט!

צוקושט זיך וואַרם מיט דער שוועסטער. איז ער דורכגעלאָפען אַלע צימערן, געוואָרפען פרעהליכע אויגען אויף אַלץ וואָס ס׳איז דאָרט געשטאַנען. אויף יעדער קלײניגקײט איז געפאַלען זײן פולער בליק. — דאָס ספרים=שענק׳ל! די בילדער! דער זעלבינער ר׳ יצחק אלחנן! דער זעלבער פינסטערער כותל=מערבי! דער באַראָן הירש — דער צדיק אָהן באָרד מיט וואַנצעס... וואַ! זײ זענען אודאי אײנגעוואַקסען אין וואַנד, און די קאַנאַפּקע שטעהט נאָך אַ גאַנצע! אברהם׳ל איז נישט דאָ געוועזען, איז קײנער אויף

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

איהר נישט געשפּרונגען... אָט, אין וועגטיל איז נאָך דאָ דער שניט! זיין אַרבייט..

— איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען — האָט אַברהם'ל פרעהליך אויסגערופען — ס'איז אַ ליגען, איך בין ניט געווען אין וואַרשע, ערשט נעכטען בין איך דאָ געווען — אַ יאָ שפרה'לע? טאַטע־מאַמע האָבען אָנגעקוואָלען.

— מעהר ניט ווי דער קול, דער קול איז איהם געבליבען. אַ מענש זאָל זיך אומבייטען! האָסט געזעהען זלאַטע אַ פּנים? און דער גאַנצער נפש... האָט ר' שלום אַרויסגעזאָגט, נאָכ'ן אָנפרעהען זיך, ווען אַברהם'ל איז אַרויס מיט חברים אין גאַס, — נאָר דאָס וואָס זלמן מנחם'ס האָט איהם אַוועקגעשלעפּט געפעלט מיר נישט... מ'זאָגט אפילו, אַ יונגעל אַ קענער, ר'האָט אָבער אַ נאָמען פון ניט קיין כשר'ן.

שפרה'לע האָט זיך די ערשטע מינוטען געפרעהט מיט'ן ברודער גלייך מיט אַלעמען, נאָר זעהענדיג, אַז אברהם'ל פרעגט איהר ווייניג וואָס פונאַנדער פון איהר וועלטעל, האָט זי זיך פערדרוקט אין אַ ווינקעל מיט איהריגעס.

אַברהם'לע האָט פערביינעהענדיג נעכאַפּט אַ קוק אין איהר ביכעל, אַ לאַך געטהון אונטער דער נאָז: ליעדער... און זיך אַבגעטראָגען.

אין פערלויף פונ'ם פרייטאָגדיגען טאָג האָט ר' שלום פער־שטאַנען אַלץ, ס'איז ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אַז דער זוהן איז פערמישט אין יענע פינסטערע עסקים, פון וועלכע ער ווייס נישט, נאָר פון וועלכע ער האַלט ניט: אַנ'אויפקלערעכטס פון לויטער בחורים!

אויף אברהם'לען איז איהם טאַקי אַ וואונדער, קיין עין־הרע אַ קאָפּ! נישט קיין נאַר... נאָר מילא!

נעוואוסט האָט ער אָבער, ווייל אין שטאָדט האָט מען גערעדט, אַז מאָרגען וועט זיין אין דעם נאָהענטען וועלדיל אַ „פערזאַמלונג", ווי זיי, די נישט־גוטע רופען דאָס אָן... און ווי דאָס האַרץ וואָלט איהם זאָגען „אברהם'עלע וועט רייִדען"...

זלאַטע ווייס אָבער פון קיין גליקען נישט און מאַכט שבת... וואָס פאַר אַ שבת זלאַטע זאָל נישט מאַכען קען מען עס ניט אויפמאַכען אונטער'ן האַנד, זי מאַטערט זיך טאַקי אַ גאַנצען

פרײַטאָג אָן, דערפאַר אָבער זענען די לאָקשען — לאָקשען! דער טשאָלענט אַ טשאָלענט, און דער צימעס אַ צימעס! דעם שבת האָט זי לכבוד אברהמ'לען אַרײַנגעלעגט אַ קנײדעל אין צימעס, אויסער דעם קנײדעל וואָס זי האָט בעגראָבען אין טשאָלענט טאָפּ... אַז דער טשאָלענט וועט צוגעהן אין מויל — איז בײַ איהר קײן ספק נישט געווען, ווארום דער שכל איז מחיב, אַז מען בראָקט אַרײַן שמאַלץ מיט אַ פולע האַנד, מעג דער אויבען זײַן ווער ווײַס ווי הײַס וועלען די קאַרטאָפּעל ניט אַרויס טרוקען, אַז דער צימעס'ל וועט געראָטען איז בײַ איהר אויך קײן קלער נישט געווען, ווארום וואָס איז דאָ דער וואונדער? זענען די מעהרען יונגע, און מען צעשנײַדט זיי אויף דינע לעקשעלעך און מען ושאַלעוועט ניט דערצו נאָך אַ שטיקעל צוקער און נאָך אַ ראָזינקע הײַסט עס נאָך אַלץ צימעס, נאָר איז'ן איז עס אײַנגעמאַכטס...

פונדעסטוועגען האָט איהר אַ גאַנצען פרײַטאָג צונאַכט'ס, און דעם שבת'דיגען פריהמאָרגען דאָס האַרץ געציטערט... טאָמער? גאָט האָט אָבער געהאָלפען. אַז ר' שלום איז געקומען פון שוהל איז אברהמ'עלע (ער האָט פערשלאָפען און איז נישט געגאַנגען דאַווענען)... צוגעגאַנגען און געפרעגט אויב מען וועט באַלד עסען... דער טאַטע האָט פערשטאַנען אין וואָס דאָ געהט און האָט צוגעאײַלט מיט'ן קידוש... איפ'ן טשאָלענט האָט מען געדאַרפט אַביסעל וואַרטען (חיים בעקער — עהדער ער עפענט דעם אויווען). אברהמ'ל האָט דערווײַל דערצעהלט עפּעס לאַכעדיגעס פון וואַרשע... מ'האָט ענדליך אַרײַנגעטראָגען אַ דיניצע און איהר אַוועקגעשטעלט דער בעל-הבית'טע אונטער'ן האַנד; זלאַטע האָט אָבגעבונדען דאָס פערטריקענטע שפּאַגאַטעל, אַראָבגענומען דאָס פּאַפּיער און דעם דעקיל, און ס'האָט אַ האַק געגעבען די פעטע פּאַרע פון זלאַטעס קאַרטאָפּלענעם טשאָלענט און האָט זיך צעלאָזען איבער'ן טיש ווי אַ טוי פון גאָט... די אויבערשטע פון דיניצע האָבען געהאַפּט אַביסעל פערטריקענען, נאָר זלאַטע איז אַ צו גרויסער מבין זי זאָל זיך אָבשרעקען... זי האָט אַ פּאָכע געגעבען אין דער לופטען מיט דער האַנד, שפרה'לע האָט פערשטאַנען און האָט דערלאַנגט דער מאַמען אַ גרויסען קאָכלעפעל. זלאַטע האָט גענומען דעם העלדישען קאָכלעפעל און האָט אַ מיש געטהון — דער ים האָט זיך צערודערט... פונ'ם גרונד האָבען זיך אַ הייב געטהון די אמת'ע

קארטאָפלעס, די פערברוינטע, די אנגעזאפטע מיט שמאלץ... תחתונים למעלה — ארויף! די אונטערשטע ארויף, לאָזט אייך אנ־קוקען! ועליונים, די אויבערשטע — למטה — אראָב; אראָב אין דער שמאלץ־גרוב אריין... זלאטע האָט נאָכאמאל א מיש געטהון, כ׳איז געוואָרען א מהומה אויף דאָס ניי, א געלאף, קיילעכדיגע גלאנצע־דיגע ווי צווילינגלעך האָבען זיך אלאָז געטהון, איינס אויף דאָס אנדערע אין דער ברייטער דיניצע, און פון איהר טיפעניש האָט זיך בעוויזען דאָס קניידעל, א פערפארעטער, א רויטער, כמלך בגדוד, אזוי ווי א קיסער צווישען זיינע סאָלדאטען, איז ער געזעסען צווישען א ים געטרייע קארטאָפעלעך, מיט׳ן דריטען מיש איז ארויפגעשוואומען, מכש ארויפגעשוואומען אין שמאלץ דאָס העלזעל... ס׳הייסט די קישקע. דאָ איז שוין די מאָס געוואָרען פער־פולט, ביי דעם אורח וואָס איז געזעסען אין יענעם עק טיש, האָט זיך בעוויזען טרעהרען אין די אויגען און פון מויל האָט אנגע־הויבען רינען...

— אויסארבייטען אזא טשאָלענט איז טאקי א קונץ! האָט ר׳ שלום אָבגעלויבט זיין זלאטען, נאָכ׳ן ערשטען קארטאָפעל; אברהם׳ל האָט געמוזט אויסטהון די ברילען, וועלכע האָבען זיך בעדעקט מיט א דיקע פארע און האָט ערשט הנאה געהאט; שפרה׳לע האָט ווי אלע מאָל געגעסען אָהן חשק, קוים בעגלאנצט מיט א האלבען קארטאָפעל די ליפען, אריינגעשטאָכען דעם גאָפעל אין א צווייטען קארטאָפעל און געלאָזט איהם אזוי שטעקען אין טעלער; דער אורח האָט זיך געבריהט, געוואָרפען די קארטאָפעל פון צונג אויף די צייגער און פון די צייגער אויף דער צונג, ער האָט זיך אָבער נוקם געווען...

נאָכדעם אז מ׳האָט איינגענאשט דעם צימעס, האָט מען מכבד געווען אברהם׳לען מיט בענשען און מען איז ארויס פון טיש.

באלד נאָכ׳ן עסען איז אברהם׳לע אוועק. ר׳ שלום האָט פערשטאנען אין האָט ארויסגעלענט פון קעשענע וואָס ער האָט געהאט, געזאָגט זלאטען זי זאל זיך צולייגען און איז אויך ארויס פון שטוב, לכתחילה איז איהם ניט איינגעפאלען געהן אין וואלד, נאָר אז ער איז שוין געווען אין עק־שטאָדט, האָט ער זיך א קלער געטהון: מ׳דארף אויף טשיקאָוועס צוגעהן! א וואוילען קאָפ האָט ער... נאָר ריידען מוז ער קענען א פייג! ר׳וועט צוגעהן...

אַ שרעקענדיגער איז ער נים, קאַזאַקען זעגען פאַר איהם קיין שטראַשונעק נים, אין די זאַכען איז ער קאַלט; איינמאַל, זאַגענדיג אין שוהל, (די שוהל איז דוקא געווען געפאַקט) איז געוואָרען דאָרט אַ שטיקעל סומאַטאָכע, אַ שרפה... און וואָלט עס איהם אַהערען! ער האָט געזאָגט וויטער, גערופען, אָבגעהאַלטען דעם צוטומעלטען עולם...

אַ הייסער זומער־טאָג. ר׳ שלום געהט נאָך דערוויל מיט׳ן שאַסע, פון ביידע זייטען ציהען זיך אוועק גרינע לאָנקעס; דאָס וועלדיל שוואַרצט זיך פון דער־וויטען, דעם זעלבין וואַלד האַקט דער שאַסע דורך און מאַכט פון איהם צוויי וועלדער... ער זאָל נאָר וויסען אין וועלכען פון זיי וויעלען זיך די שנעקקעס פערקלייבען!

אַ הייסע זון באַקט פון דער הויך די דין געוואַקסענע גרעזעלעך און ר׳ שלום׳ם פלייצע; און ס׳איז אַ וואונדער וואָס די שפיצען פון די גרעזעלעך דערהיצען זיך נים און צינדען זיך נים אָן, און וואָס דער שבת׳דיגער סורדוט פערפלאַקערט נים אויף ר׳ שלום׳ם פלייצע.

-- יעצט אין אַ גרויסער שטאָדט – טראַכט זיך ר׳ שלום און פון שטערן רינען איהם שוין די ערשטע טראָפען שוויים – קען מען זיך פאָרשטעלען: די זון שפאַרט זיך אריין צווישען די הויכע מויערן און אַ ווינטעלע אַ קיהלס איז נישטאָ פון וואַנען... נים אומזיסט זעהט ער אַזוי אוים! אָ, ער ווערט שוין אַזוי גיך נים צוריקפאָהרען, אברהם׳לע! מ׳דאַרף נאָר אָנשטעלען זלאַטען...

נעקומען אין וואַלד – חברה האָבען זיך געלאָזט הערען. ער איז נאָכגעגאַנגען די קולות און געשטעלט זיך נאָהענט אונטער אַ בוים און געוואַרט. שאַ... שטיל. מ׳הויבט עפעס אַ בחור׳ל און מ׳זעצט איהם אויף צוויי אַקסלען; ער וואָלט שווערען אז ס׳איז אברהם׳ל! באַשר די אויגען חאַפען נים אַזוי וויים...

– חברים!

– פטור נו! ס׳איז ער... ער... אָט וועלען מיר הערען... אָנגעהויבען אַפילו קירצער, קירצער פאַר׳ן טאַטען... און ס׳אַיועק אַ גאַנג... נו אַ מויל! נו אַ געמבע! פעך און שועבעל... אויף וועמען איז ער אַזוי ברוגז? אהאַ!... בעלי־בתים... בעלי־בתים! נאָר אַ ראַנה... דאָס רעדען! דאָס רעדען!

אַז ר׳ טלום׳ס האַרץ האָט זיך ניט צולאַכט הייך אין דער ברוסט און אַז דער בוים אונטער וועלכען ער איז געשטאַנען האָט ניט אונטערגעטאַנצט פֿאַר התפּעלות איז טאַקי נסים ונפלאות! — שאַ... ער שילט זיך... ער שילט מיט טויטע קללות, על ה׳ ועל משיחו... דעם גאָטס־געזאַלבטען... נאָר אַ דאַנה — אָט וואָס הייסט אַ געבענשט מויל!

אַז קאָזאַקען האָבען צעיאָגט, איז ר׳ שלום געלאָפֿען גלייך מיט אַלעמען, מיט אַן׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און געשמייכעלט פֿאַר־זיך! נו אַ געמבע; נו אַ געמבע!...

קומענדיג אַהיים האָט ער געטראָפֿען זלאַטען קלויבענדיג זיך אין שוהל מנחה דאַוונען.

— אונזער אַברהם׳לע איז אַ גרויסער מענש... אַ גרויסער מענש... האָט ער איהר שטיל פֿערטרויט.

— אַ נייעס אין שטעדטיל! — האָט זלאַטע ניט וויסענדיג פֿון גאָרנישט קירץ געענטפֿערט.

— ביזט אַ נאַר! האָט ר׳ שלום זיך ניט געהיט פֿון התפּעלות, — איך זאָג עס מחמת הייַנטיגס... ערשט יעצט געזעהן און געהערט.. און דו —

זלאַטע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען.

— רעד ווערטער!

שפּרה׳לע האָט זיך עפּעס דערוואוסט פֿון אַ חברת׳ע אַז ס׳איז וואָס פֿאָרגעקומען אין וואַלד.

ביינאַכט איז זי צוגעגאַנגען צו אַברהם׳לען, זי האָט געזעהן אַז ער שלאָפֿט נאָך ניט, האָט זי זיך געזעצט אויף זיין בעט. די שמאָלע העמד־געסקע איז פֿון אַקסעל אַראָבגעפֿאַלען, אַ האַלבע יונגע ברוסט איז געבליבען אָפֿען, וועלטען־קלאָר, קוים ראָזיג; אַן׳עלטע בלומען־ברוסט וועלכע איז אויפֿגעגאַנגען פֿון ליבט און ליעדער...

דער ברודער האָט דערפֿיהלט די בלאַסע שוועסטער, האָט זיך האַלב־אויפֿגעהויבען און שטיל איהר געדריקט צו זיך:

— אַברהם׳לע, האָט זי שטיל געפֿרעגט — דו האָסט גע־רעדט אין וואַלד... וואָס האָסטו גערעדט?

אברהם׳לע האט איהר געקושט אין די בלאע אויגען און דערצעהלט ...

— ראס? האט זי שטיל א פרעג געטהון און איז געבליבען זיצען פערשעמט און בעזארגט ...

ניט דאס האט זי געמיינט.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# VI

# העקזאמעטרען.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# העקזאמעטרען.

## דאס טרויעריגע אויפלעבען.

— לירישע פאעמע —

---

איך האב געמיינט: פערפרארען איז אין מיר דער גרויסער שמערץ,
פערזונקען טיעף אין הארצען, שוואך געלעגט זיך אויף זיין גרונד —
און ווי א שטיין אין זאמד זיך איינגעגראבען אינ'ם לייב;
בעגאסען אין א טייך פון בלוט, בעפלייצט מיט רויטע וועלען,
פערפלאכטען אין א נעץ פון אדער'ן, דינע, שטייפע ווי א דראט
און וועט ניט מעהר ארויף און צושווימען צום ברעג...

---

איך האב געמיינט: שוין קיינמאל וועט זיך ניט פון מיינע ליפען
ארויסרייסען א ווארט וואס זאל דערמאנען אן מיין טרויער;
שוין קיינמאל וועלען מיינע אויגען פייכט ניט ווערען —
פערפרארען איז דער שמערץ, און שטיקט זיך ניט קיין טרעהר...
אויף שטענדיג האט זיך מיר דאס פולע הארץ פערשלאסען,
און שטום געבליבען, שטום, אויף אלע מאל, אויף שטענדיג!

---

איך האב געמיינט: א גוט געהייצטער אויבען איז מיין ברוסט...
ווי קאלטע קאכעל שטארצען מיר ארויס צוויי פראכע בריינער,
און שטענדיג, ווען מיין האנד וועט זיי בעריהרען —
וועל איך מיר דערמאנען אן א קאלטען אויבען

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

וואָס האָט קיין פונק ניט ליענען און זיין בערגיל אַש ;
פון אונגען יאָגט די קעלט און פאַלט ערשט אויף די קאַכעל...

---

איך האָב געמיינט : איך בלייב אַליין און לעבען ; ביז'ן טויט
אַליין. די הענד פערליינט. און שטום און שטאַר מיין בליק ;
פערשלאָפען יעדען מאָרגען ; פערליינקענען יעדען העלען טאָג
אויף זיין אַלע אָוועגד ; היטען די פאַרנאַכטען
די אומעטיגע דונקעלע פאַרנאַכטען,
און מיין אָבגעזונדערטען געצעלט...
און שטומען גלייך מיט זיי און פינסטער זיין ווי זיי,
און שטאַר, און קאַלט, און ניט דערלעבען זעהן שוין –
דאָס ליכט פון נייעם קומענדיגען טאָג...

---

איך האָב געמיינט : איך וועל ניט זעהן דעם ווינטער'ס לעצטע טעג,
און דעם אָנהויב פון א נייעם פרוהלינג וועל איך מעהר ניט זעהן ;
א טרוקענער שניי וועט פאַלען אויף די גאַסען ; אויף די גאַסען
וועלען מענשען געהן. יונגע מענשען פאָרען-ווייס געקלעבט,
און פרייע ווינטערדיגע ווערטער, קלאָרע ווי קריסטאַל
יעדעס וואָרט געוויקעלט אין א וואַרמען ווייסען הויך –
און בלוט געטונקטע, געוויקעלטע אין הויכען-אַרוים געהט אויפ'ן פראָסט!
איינע רעדט זיי אוים, דער צווייטער שלינגט זיי-שלינגט זיי מיט'ן הויך...
א טרוקענער שניי וועט פאַלען – פול די לופט מיט ווינטער-בלימלעך –
ווייסע בלימעלעך, פון וואַנען קומען זיי? און וועלכען לאַנד –
און וועלכע קיהלע שטילע וועלט האָבען זיי געבליהט?

---

א טרוקענער שניי וועט פאַלען : איך געה פאַרנאַכט אַרויס
און קום אין פעלד א בלענדענד ווייסען קבר אויסצוזוכען...
און קום איך נאָר אין פעלד פערמאַך באַלד די אויגען,
איך זאָל ניט זעהן דעם וועג אין וועלכען איך פערפיהר מיך
מיט פערמאַכטע אויגען וועל איך בלאָנדזשען און מיט גיכע טריט –
ביז א בלאַסער קאַלטער שטראַהל פון דער לבנה שפאַרט זיך דורך

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

צווישען מיינע ברעסטען און רייסט מיר זיך פונאנדער :
אַ ווייסע ווייטע פעלד ! אויף אַלע זייטען קוק און טראַכט :
וואו הייבט זיך אָן דאָס ווייסע פעלד און וואו לאָזט זי זיך אויס ?
דער שניי וואָס איז געפאַלען — איז פאַר מיר געפאַלען —
דעריבער איז ער אַזוי קאַלט און אַזוי ווייס דער שניי !
ער וואַרט אויף מיר, דער שניי, איך זאָל מיך אויף איהם לייגען .
און פערפריהרען —
אויף דער פלייצע, ביידע אויגען און דאָס האַרץ ענטקעגען הימעל —
ציה איך מיך אויף מיין געלעגער אויס, מיין ווייסער קאַלטער אויסבעט —
די פלייצע טיעף אין שניי,
די אויגען און דאָס האַרץ צום ווייטען — ווייטען הימעל ...
ווי עס גליווער'ן און פריהרען שטומע וואָלקען ...
אַ טרוקענער שניי וועט פאַלען, אַ טרוקענער שטילער שניי
און וועט מיר בוסלעך-ווייז פערשיטען ...

---

איך האָב געמיינט — דו וואונדערסט זיך : ווי האָב איך עס געמיינט ?
דו קומסט צו מיר און ברענגסט מיר יעצט געריסען : אויף די פעלדער
איז אויסגעשפּרייט מיין טרויער ; פון יעדען בוים אין וואַלד
פאַלט אַראָב מיין אומעטיגער שאָטען ; אין יעדע ווייסע ליליע
ליעגט בעהאַלטען מיין בענקענדע נשמה ; אויף יעדע רויז
רוהט אַ טראָפּען פון מיין בלוט ; און, די אַלייַן, מיין טרייע —
די ווייזט מיר אויך אין דיינע אויגען מיינע טרעהרען ...
דו וואונדערסט זיך, מיין טרייסט, איך וועל עס דיר ענטדעקען :
דו ביסט געקומען ווינטער ... אין אַ ווינטער-טאָג, אַ פראָסט —
איך בין אין שניי געלעגען און געוואָלט פערפריהרען —
קאַלט בין איך געווען שוין ניט ווייניגער פון שניי וואָס אַרום מיך ...
דו ביסט געקומען, האָסט געזעהן דעם אייז, דיק אויף מיין האַרצען,
גליטשען האָסטו זיך געוואָלט — איז די אייַנגעפאַלען : אויף מיין האַרצען ...
דאָס אייז איז דיק געווען און ניט געפראָהרען — ביסט אַרויף —
דו האָסט געשטעלט די לייכטע פיס ... געשטעלט זיך און געגליטשט זיך
אויף מיין האַרצען ... אויף מיין האַרצען האָסטו זיך געגליטשט,
הין און צוריק — און הער : געפּלאַצט האָט דאָך דער אייז !

דיין פּוס איז לייכט, אויך מיט'ן שוך, אויך ביט'ן גלייטשער,
נאָר וואַרם, יונג און וואַרם איז דיין פּוס און שפּריצט מיט לעבען...
געפּלאַצט האָט אונטער איהם דער אייז, די ביסט געפאַלען —
און אָבגעטונקט זיך אין מיין בלוט; אָנגעקלאַפּט זיך אָן מיין טרויער...
די ביסט געפאַלען אויף מיין האַרץ און קענסט ניט אויפשטעהן —
דער אייז האָט זיך געבראָכען און אויסגעגאַנגען איז מיין אוטעם,
אויף אַלץ, אויף אַלץ!..

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

VII

# יודיש.

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

Digitized by Google

Original from
CORNELL UNIVERSITY

Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google
Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

# יודיש.

(לידער אין פּראָזע).

## I.

איך בין אַ יודיש קינד און ליעב דאָס ווײַסע לעבען אויף דער ערד.

אין אַ קיהלע זומער-נאַכט שווימען אַלע ווײַטע וועלטען אַרום אויף דעם בלויען הימעל. צווישען גאָלדענע בלאַנקע שטערען ציטערט איינס, אַ ווײַס, אַ זילבערנ׳ס — דאָס איז מײַן שטערען; אויף יענעם שטערען האָט מיך גאָט געבענשט, אַ ווײַסער כּשר׳ער פאָדעם ציהט פון איהם צו מיר...

אַלע שטערען האָבען אַנדערע פאַרבען, יעדער שטערען שיקט זײַן פאַרב אויף דר׳ערד. די ערד איז פול מיט פאַרבען ווי דער הימעל מיט שטערען.

אויף אַ הויכען באַרג וועל איך אַרויפגעהן אין אַ יום-טוב-טאָג, און וועל אַראָבקוקען פון איהם אויף דר׳ערד. שעהן מוז אויסזעהן, ווען אַלע פאַרבען שיטען זיך אַרום פון שטובען אין די גאַסען און וויקלען זיך צוזאַמען, שוואַרץ און ווײַס, גרין און בלוי, רויט און געל, — און טאַנצען דעם גרויסען פאַרבען-טאַנץ, און זינגען דעם גרויסען פאַרבען-ניגון.

ווען קומט דער גרויסער יום-טוב?

און ס׳ציטערען די שטערען איבער זײַערע פאַרבען ווי טרײַע מאַמעס.

הערט! אין אַ שטערען-נאַכט רופט מיך אַרום, איך וויל זעהן ווי מײַן מאַמע ציטערט איבער מיר...

---

## II.

די מאַמעשי האָט מיר פערצעהלט:

אין אַ לבנה-נאַכט האָב איך דיך געבאָרען... ל׳געדענק נאָך. אין בית-מדרש איז דײַן עלטערע שוועסטער׳ל געלאָפען, אַנזאָגען

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

די בשורה. דער טאַטעשי פלעגט לערנען אין בית־מדרש ... די געטרײַע באָבעשי האָט איהר נאָכגעשריהען; טאָכטער׳ל ס׳איז דאָך נאַכט אין דרויסען, נעם ס׳לאַמטערל. האָט דײַן שוועסטער׳ל געענטפערט פון דער גאַס: ס׳איז ליכטיג... די טראָטואַר־שטײַנער קוקען בלאַס אַרויס פון דר׳ערד, און כ׳זעה די שוואַרצע שפּאַרעס אין די ווײַסע לאָדען! —

כ׳ווײס נישט ... ס׳געדענקט זיך עפּעס מיר פון יענער נאַכט, די נאַכט פון דײַן געבאָרען ...

פון טאַטענס חדר שלאָגט עס צוויי, כ׳ליעג און קוק דיר אָן. ביזט געלעגען טיעף אין ווײַסען קישען, אַ שטײַף מײַלעכל האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט — ניט מעהר, כ׳האָב שטיל פונאַנדערגענומען דעם ווײַסען קישען — אַ שוואַרץ בעוואַקסען קעפּיל. דערמאָן איך מיך אָן דער ציגאַנקע ... זי האָט געזאָגט: דאָס קינד וואָס כ׳וועל געבאָרען וועט שוואַרצער זײַן פון קויל ... נאָך מיט אַ חודש פריהער האָב איך אויסגעהערט פון אַ ציגאַנקע, דער טאַטעשי האָט נישט געהײסען, ס׳האָט זיך מיר געגלוסט ... דורך דער קיך־טהיר איז זי אַרײַן. כ׳ליעג און טראַכט: שוואַרץ ווי קויל וועט זײַן מײַן קינד ... און קוק אויף דײַן קעפּיל ... הער איך ווי ס׳דראַפּעט אויף דעם ווײַסען פענסטער, אַ ווײַסע טויב האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין פענסטער מיט ווײַסע אויסגעשפּרײטע פליגעל — ווײַס ווי מילך וועט זײַן מײַן קינד! ...

אַלע זענען דאַן געשלאָפען. די באָבעשי האָט זיך נאָר געבראָכען אויפ׳ן בענקיל, אַ געטרײַע מאַמע איז זי געוועזען. עס ליעגען נאָך בײַ מיר אין דעם קאַמאָד, די ווײַסע יאַקען, מיט די ווײַסע שפּיצען, וואָס זי האָט מיר אויפגענעהט.

אַלע זענען דאַן געשלאָפען, און אַ טויב האָט זיך געקלאַפּט אין פענסטער. —

ווײַס ווי מילך וועט זײַן מײַן קינד!

III.

כ׳האָב ליעב די ווײַסע שבת־לײַכטער פרײַטאָג־צו־נאַכטס בײַ׳ם טיש.

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

ס'האט נאך קיין פריהמארגען נישט געלויכטען — ווי די ווייסע ליכט אום פרייטאג-צו-נאכטס!

ס'האט דער הימעל נישט געהאט די כרובים מיט די לייכטע ווייסע פליגעל ווי ביי אונז, ביים טאטעשי אין שטוב אום פרייטאג-צו-נאכטס!

מיר דאכט: אונזערע שווארצע שאטענס פלעגען שבת אויף די ווייסע ווענד נישט קריכען.

דער טאטעשי פלעגט זאגען צו דער מאמעשי: די שכינה רוהט דיר אויף די צעפלאשעטע נישט אויפגעקאמטע האר, וואס קוקען דיר ארויס פון אונטער'ן ווייסען טיכעל.

די שכינה האט גערוהט אויף איהר פרומען קאפ.

קום, שוועסטעריל, קום ארויס אין גאס; דער טאטעשי האט אבגעבענשט, ער איז אוועק פון טיש און שלאפט שוין אין זיין שטילען חדר, דער טאטעשי שטעהט אויף מיט'ן מארגענשטערן צום ערשטען מנין. צום ערשטען מנין פאלט דער שיין פון מארגענשטערען אויפ'ן דאך פון בית-המדרש...

קום שוועסטעריל ארויס אין גאס, ס'איז פרייטאג-צו-נאכט'ס אין גאס, ס'איז פול די גאס מיט שבת-פארלעך...

לכה דודי לקראת כלה — ווי געפעלט דיר דאס געזאנג?

---

## IV.

צערייסט, צערייסט דאס ווייסע קישען! צעבלאזט, צעבלאזט די ווייסע לייכטע פעדערען!

מיין עלטער-באבעשי האט זיי אליין געפליקט, די פויערים פון די דערפער האבען די ווייסע גענז צו איהר געבראכט, זי האט די פעדער'ן נאר אבגעפליקט און דעם גענזענפלייש אוועקגעגעבען זיי בחנם.

שענע קישען! ווייסע קישען!

אנ'איידעם האט די עלטער באבע פאר דער טאכטער אויסגעקליבען, ער האט געשס'ט ביי יודען, גאט האט זיין שטערען אבגעמאסטען מיט זיין הייליגער האגד, און ליניערט די קנייטשען מיט זיינע פינגערשפאלטען.

אויף די ווייסע קישען האט ער זיין קאפ געלעהנט...

ער האט געהאט א זוהן, בלאס ווי דער מלאך, וועלכען

Digitized by Google
Original from
CORNELL UNIVERSITY

נאט האט געשיקט ארויסטרייבען אדם-וחוה'ן פון גן-עדן; שטיל ווי א טויב וואס בענקט נאך ווייסערע פליגעל ווי זי האט.

אויף די קישען האט זיין הארץ גערוהט...

צערייסט די קישען!

איך בין דער אייניקעל, און ווענד מיך צו דעם הימעל.

עס זענען ווייסע וואלקען דא אין הימעל. קליינע וואלקען-וויים — ווי מארמארשטיין און לייכט ווי רויך. אז נאט פארגעסט אמאל אן איינעם פון די קרובים צו בענשען זיינע פליגעל און מאכען איהם אניארט נעבען זיינע פים, שוועבט ער צו די וואלקען, לעגט אויף זיי זיין קאפ. און וויינט אויף זיי זיין אונגליק אוים...

וואו נעם איך פליגעל?... מיינע ווייסע קישען וואלטען מיר פארביטען די מארמאר-ווייסע וואלקען!...

## V.

אז כ'וועל א מאל א היים קומען, צוריק צו מיר אין שטאדט, אין מיינע עלטערען'ם הויז, וואו אלע קענען מיר, וועל איך זוכען פרעמדע, אבווארטען זיי ביי אונזערע שאסען, ברענגען זיי אין טאטענס הויז און תמיד צו זיי לאכען, רעדען אויף זייער לשון, פון זייער לאנד, פון זייערע פייגעל און בלומען.

טרויעריג איז א פרעמדען.

איהר קאנט מיין לשון? ער האט נאר ליעדער און געזאנגען!

האט איהר געהערט פון מיינע פויגעל? ווייס ווי טויבען זענען זיי, און פליהען הויך ווי אדלער, און דערזעהען זיי מיך — פליהען זיי פון אוש די וואלקען, שטעלען זיך מיר אויפ'ן אקסעל, און קלאפען פרעהליך מיט די פליגעל.

מיינע בלומען — ווי געפאלבטע זונען שפראצען זיי ארוים פון דר'ערד, ווי קינדער-קעפעלאך — אזוי פאלען זיי מיר אין די הענד, און בליהען אויף מיין הארץ.

ווער וועט מיר זינגען אויף מיין לשון? ווער וועט דערמאנען מיינע פויגעל? ווער ערצעהלט פון מיינע בלומען אין דער פרעמד?...

אז כ'וועל א מאל א היים קומען. —

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY
Generated for Joseph Galron (The Ohio State University) on 2018-05-16 04:28 GMT / http://hdl.handle.net/2027/coo.31924064123031
Public Domain in the United States, Google-digitized / http://www.hathitrust.org/access_use#pd-us-google

# VI.

איך בענק פֿאַרנאַכט ווען ס'ליגט ביי'ם ברעג פֿון טייך.

עס ציהט זיך ווייט דער טייך. דאָס וואַסער שווייגט. ווען ס'גלאַט־קלאָהר וואַסער זאָל ניט קאַלט און נאַס זיין, וואָלט איך אַנ'אויער צוגעלעגט צו'ם וואַסער, און אויסגעהערט די מעשיות וואָס שווימען דאָרט אַרום.

דאָס שטומע וואַסער! אַז ס'וואַרף אַריין אַ שטיינדיל, אַרויס־רופֿען אַ מעשה'לע פֿון דאָרט, טורמעלט עס, צעלאָזט עס רייפֿען איבער זיך, פֿערציהט דעם וועג פֿאַר דעם, וואָס וויל פֿון וואַסער שפּרינגען.

„ביי בבל'ס טייכען זענען זיי געזעסען און געוויינט".

אין שטילע וואַסערען זענען זייערע טרערען אַריינגעפֿאַלען, די שטילע וואַסערן האָבען פֿערנומען זייער געוויין, די שטילע וואַסערען האָבען פֿערשלונגען זייערע טרויעריגע געזאַנגען.

פֿון איין טייך אין אַנדערען פֿליעסט דאָס קלאָרע וואַסער; פֿון איין טייך אין אַנדערען שווימען אום די פֿיש; עס ביימען זיך די טייכען מיט אַל־זייער־גוטס...

איך בענק פֿאַרנאַכט ווען ס'זיץ ביי'ם ברעג פֿון טייך.

ווער ווייס אויב ס'שווימט ניט אין דעם וואַסער, דאָס אַמאָ־ליגע געוויין, וואָס בבל'ס טייכען האָבען פֿערשלונגען?

דאָס שטומע וואַסער! אַז ס'וואַרף אַריין אַ שטיינדעל, טור־מעלט עס, פֿערוואַרפֿט עס רייפֿען...

---

# VII.

איך בענק פֿאַרנאַכט ווען ס'שטעה אין פֿעלד.

ס'פֿליהט שוין ניט דאָס ווייס־קליין זומער־פֿייגעלע פֿאַר מיינע אויגען... וואו איז דאָס ווייסע זומער־פֿייגעלע? האָט זי זיך בעהאַלטען אין דעם קאָרן, און מאָרגען פֿריה וועט זי ווייטער אַזוי פֿרעהליך פֿליהען? אָדער האָט דאָס קיהלע ווינטעל צעלאָזט איהרע ווייסע לייכטע פֿליגעלעך, איינס אין צפֿון, איינס אין דרום, און דאָס קליינע קערפּערל איז טוידט געפֿאַלען אויף אַ זאַנג? די זון פֿערגעהט, — ווער האָט דעם מעריב זייט אַזוי רויט געפֿאַרבט? פֿער־

Digitized by Google
Original from CORNELL UNIVERSITY

נאָנגעֶן איז די זון — ווער האָט די ווייסע וואָלקען אַזוי רויט גע־פאַרבט? ...

פערגאַנגען איז די זון... אַז ירושלים האָט געברענט זענען אַלע שטערם פון ארץ ישראל רויט געווען, אין צייט פון שקיעה־חמה איז עס געווען, און דאָס בילד פון מזרח האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דעם מעריב הימעל ...

איך בענק פאַרנאַכט ווען כ'שטעה אין פעלד.

# VIII.

זומער לעב.

איך האָב די פאָרטקע אויפגעעפענט און פריי געלאָזט די טויב.

אַז איך האָב מיך ווינטער פאַרשפּאַרט אין ענגען צימער, האָב איך מיך געפרעגט: ווי וועל איך וויסען ווען ווערט זומער אויף דער וועלט?

בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן מאַרק, געקויפט אַ יונגע ווייסע טויב, אַ גאַנצען ווינטער איז זי אַרומגעפלויגען אין מיין חדר, האָט געפלאַטערט אַרום דער קליינער סטעליע, ווי עס וואָלט געווען אַ קליינער הימעל, האָט געגעלטיגט מיר צוקאָפּענס, ווי עס וואָלט אַ צווייג געווען.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין איין פריהמאָרגען: דאָס ווייסע טייבעל דראַפּעט זיך און רייסט זיך אויף די פענסטער־שויבען.

ס'איז געוואָרען זומער אויף דער וועלט!

איך האָב די טויב אַרויסגעלאָזען.

אויך נח האָט די טויב אַרויסגעלאָזען פון דער תבה ווייל זי האָט זיך דורך דאָס פענסטערל געריסען...

איך זיץ און וואַרט, באַלד וועט מיין טייבעל קומען, אַנ'עהל־בלאַט וועט איהר שטעקען אין דעם מויל...

געקומען איז די ווייסע טויב, אַנ'עהל־בלאַט האָט זי אין דאָס מיילעכל נישט געהאַט, נאָר אַ טוידט צעביסען זומער־פויגעלע...

אויף דאָס ווייסע לעבען איז אַ פלעק געפאַלען.

איך האָב די טויב פערשאָלטען:

שוואַרץ זאָלען דיינע פליגעל ווערען, ווי די פליגעל פון אַ קראָה!...

# IX.

דו װײסט װען בלומען רעדען?

װען עס װאַקסען בלומען אױס אין אַ בעהאַלטענעם אָרט, װאו עס פֿערבלאָנדזשעט ניש דאָס קיהלע װינטעל, און עס גלעט זײ נישט; װאו ס׳געפֿינט זײ נישט קײן האַנד און פֿליקט זײ נישט, דאַן הױבען אָן די בלומען רעדען...

װײסט װען בלומען עפֿענען זײערע בעכער־בלעטעלעך? װען דער זיסער זאַפֿט װערט פֿול און װיל שױן רינען, װען די שטאַרקע ריחות װילען זיך צעשפּרײטען אין דער לופֿט – דאַן עפֿענען בלומען זײערע בעכער־בלעטעלעך.

איך בין װי בלומען שטיל, און רעד װי בלומען, און װען עס טריפֿעט דער זאַפֿט אַרױס פֿון בלומען, דאַן עפֿענט זיך מײן האַרץ

# X.

װען קלײנע װײסע װאָלקען שרעקען זיך ניט פֿאַר דער רױטער זון, און שװימען איהר אַנטקעגען, זאָלט איהר װײסע זומער־פֿױגעלעך נישט פֿליהען פֿון דאָס יונגע טײבעלע.

װען דאָס װינטעל װעהט און די צװײג פֿערליערט קײן גרינעם בלאַט, ענטלױף פֿון מיר ניט װײסע מעדעל!

נאָט שטעהט צװישען אַלעם און פֿיהרט צו׳ם גוטען...

# XI.

די נאַכט איז שעהן!

אין אַזעלכע נעכט שלאָפֿען אײן די פֿײגעל, און זינגען פֿונ׳ם שלאָף.

אין אַזעלכע נעכט װאַרפֿען זיך אַראָב פֿיעל שטערען אױף דער ערד, און פֿיעל נשמות הױבען זיך אױף.

אין אַזעלכע נעכט װערען לעבעדיג אין ימים די דערטרונקענע און שפּיעלען זיך מיט די שענע פּערל אױף דעם אַבגרונד.

אין אזעלכע נעכט שטעהען אלע טוידטע פון די קברים אויף, און טאנצען אויף די גריזן בעגראָזטע בערגלעך, און לאכען אויס דעם מלאך המות...

אין אזעלכע נעכט ווערה איך ס'ווייסע לעבען אונבעפלעקט...